№ 10

Należytość pocztowa opłacona ryczałtem.

פרייז 20 גראשען.

„CZENSTOCHOWER CAJTUNG".

Bibl. Jagiellońska Kraków św. Anny 19

טשענסטאכאווער צייטונג

[illegible]

CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. TELEFON 201.

[illegible]

פרייטאג פ׳ פקודי ג׳ אדר ב׳ תרצ״ה.

ליכט-צינדען 5.13

Piątek, d. 8 marca 1935

ליבה שלעזינגער ישעיהו באָרנשטיין

חתונה געהאַט

טשענסטאָכאָוו אין מערץ 1935.

צו דער חתונה פון אונזער בת יחידה און שוועסטער **ליבה** מיט ה׳ **ישעיהו באָרנשטיין** אונזערע הארציגסטע ברכות און אייביגעס גליק ווינשען

עלטערן און ברידער.

צו דער חתונה פון אונזער ליעבען זוהן און ברודער **ישעיהו באָרנשטיין** מיט פרל. **ליבה שלעזינגער** אַ הארציגען מזל-טוב און די איניגסטע ברכות.

עלטערן און געשוויסטער.

צו דער חתונה פון אונזער שוועסטערן-זוהן און קוזין **ישעיהו באָרנשטיין** מיט פרל. **ליבה שלעזינגער** א הארציגען מזל-טוב און א בליהענדע צוקופט. די עלטערן פיעל נחת.

יעקב שווארצבוים און פרוי, חיים ישראל שוואַרצ-בוים און פרוי, גוטשא און ראובן שווארצבוים.

צו דער התונה פון פרל. **ליבה שלעזינגער**
מיט ה׳ **ישעיהו באָרנשטיין**
א הארציגען מזל-טוב און אַ בליהענדע צוקונפט ווינשט

די פערוואלטונג פון י. ט. ס. פ. „מכבי".

אונזער חבר און פריינד **ישעיהו באָרנשטיין** צו זיין חתונה מיט פרל. **ליבה שלעזינגער** אונזער הארציגסטען מזל-טוב.

דראַמאַטישער קרייז ביים זש. ט. ק.

מזל-טוב צו דער חתונה פון אונזער הארציגען פריינד **ישעיהו באָרנשטיין** מיט פרל. **ליבה שלעזינגער.** זאָל זייער לעבענס-וועג זיין א גליקליכער און צופרידענער.

פישל קליינבערג, אברהם קלין, אלעזר ראָזענצווייג, שלמה פאצאנאווסקי, קאָפל ראָזענצווייג און כלה, ש. גאַנזווא.

מיין פריינד **ישעיהו באָרנשטיין** צו זיין חתונה מיט פרל. **ליבה שלעזינגער** אַ הארציגען מזל-טוב.

ש. פראנק.

Róża Borensteinówna Dawid Szezupak

zaślubieni

Częstochowa, w marcu 1935 r.

Naszemu koledze DADKOWI SZCZUPAKOWI z intencji Jego ślubu z p. RÓŻĄ BORENSTEIN składamy życzenia szczęśliwej i promiennej przyszłości

Wilek Lewkowicz. Heniek Ickowicz, Józek Mrówka.

Naszym przyjaciołom p. RÓŻY BORENSZTAJNÓWNIE i p. DAWIDOWI SZCZUPAKOWI z intencji ich zaślubin najserdeczniejsze życzenia promiennej i szczęśliwej przyszłości ślą

E. Furstenberżanka i M. Kachman

צו דער פערלאָבונג פון אונזער שוועסטערן-זוהן **יעקב גאָרסעט** מיט פרל **העלא בורגמאַן** ווינשען א הערצליכען מזל-טוב און אַ גליקליכע צוקונפט.

משה ניימאַן און פרוי.

צו דער תנאים פון פרל. **העלאַ בורגמאַן**
מיט ה׳ **יעקב גאָרסעט**
אַ הארציגען מזל - טוב און א בליהענדע צוקונפט

יוסף גאָלדבערג און פרוי

א הערצליכען מזל-טוב ווינשען מיר אונזער זוהן און ברודער **יעקב** צו זיין פערלאָבונג מיט פרל. **העלאַ בורגמאַן**
מיר ווינשען אייך צופרידענהייט און פיעל גליק אויף אייער נייעם לעבענס-וועג.

עלטערן און געשוויסטער גאָרסעט.

Towarzystwo Handlowo-Przemysłowe

„JAKÒB GUTMAN" SPÒŁKA AKCYJNA

Oddział w Częstochowie, Piłsudskiego 35.

telefon 11-21.

Poleca ze składu:

Żelazo handlowe, przemysłowe i budowlane

Belki żelazne (tregry)

Blachę i bednarkę

Rury gazowe, wodociągowe i kotłowe.

דעם טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזער פערוואלטונגס-מיטגליעד ה׳ **עמנועל ווייצענבלאט** צוליעב דעם פריהצייטיגען טויט פון זיין טאָכטער

מירל נ״ע

זאָלט איהר א טרייסט געפונען אין אייער ווייטערדיגער ארבייט לטובת אונזער געזעלשאפט.

פערוואלטונג פון דער גמ״ח **„תומכי עניים".**

ווילנער אָפּערעטען-טרופּע פּייערלעשער - זאַל.

בראש מיט: **נחמה, ווינטער, קדיש, חאש.**

די לעצטע אויפטריטען!

פרייטאג 8 מערץ 9 אָווענד

צום צווייטען מאָל די שטארק-אויסגענומענע אָפּערעטע אין 2 אַקטען מיט 20 נומערן געזאַנג

מאַטקע פון סלאָבאָדקע

שבת 9 מערץ 4 נאכמ.

אויפ׳ן פערלאַנג פון היגען פובליקום

זיין שותפ׳ס ווייבעל

אין 2 אקטען.

שבת 9 מערץ 9 אָווענד

פרעמיערע, וואס טשענסטאָכאָוו האט נאכנישט געזעהען, שעהנע ציגיינער-מעלאָדיעס, ציגיינער-טענץ. רייכע אויסשטאטונג אין 2 אקטען מיט א פראָלאָג

ציגיינער-ליבע

אַנאָנס! זונטאג געזעגענט זיך די טרופּע מיט טשענ-סטאָכאָוו!

בילעטען פון 50 גר. ביז 1.50 צו בעקומען אין דרוקעריי פון ה׳ באָטשאַן פרייטאג פון 7 און שבת א גאַנצען טאָג אין קאַסע פון זאַל.

צו דער פערלאָבונג פון אונזער חבר **פייוויש יאַקובאָוויטש** מיט פרל. **ביילה קאָנאָפּניצקא**, סאסנאָוויץ, ווינשען מיר זיי א הערצליכען מזל-טוב.
בויט אייער צוקונפט אין ארבייטענדען ארץ-ישראל.

דער ועד און חברים פון „התאחדות" אין וויעלון.

צו דער פערלאָבונג פון אונזער ברודער און שוואגער **יודעל רייבער** (קאמיק) מיט פרל. **מאַניא בראָסקאַ** (טשענסטאָכאָוו) ווינשען מיר פיעל גליק. זאָל אייער צוקונפט-וועג זיין מיט בלומען בעציהרט.

י. רייבער און כלה.

רעגינאַ באָרזיקאָווסקאַ עזריאל ווייס

תנאים געשריבען

טשענסטאָכאָוו, אין מערץ 1935.

צו דער תנאים פון אונזער ליעבע טאָכטער און שוועסטער **רעגינאַ באָרזיקאָווסקאַ** מיט ה׳ **עזריאל ווייס** אונזערע הארציגסטע ברכות און א בליהענדע צוקונפט.

פאָטער און געשוויסטער.

פונדערווייטענס שיקען מיר דיר ליעבער זוהן און ברודער **עזריאל** דעם הארציגסטען מזל-טוב און א גליקליכע צוקונפט צו דיין תנאים מיט פרל. **רעגינאַ באָרזיקאָווסקאַ.**

עלטערן און ברודער חיפה.
משה ווייס און פרוי.

אונזער ברודער **עזריאל** צו זיין תנאים מיט פרל. **רעגינאַ באָרזיקאָווסקאַ** דעם הארציגסטען מזל-טוב און א בליהענדע צוקונפט ווינשען

אברהם ווייס און פרוי, מאכל, לייביש און שלום ווייס.

צו דער תנאים פון אונזער שוועסטער און שוועגערין **רעגינאַ באָרזיקאָווסקאַ** מיט ה׳ **עזריאל ווייס** א הארציגען מזל-טוב און א גליקליכע בליהענדע צוקונפט ווינשען

אברהם באָרזיקאָווסקי און פרוי
שלמה שפּאַלטען און פרוי.

מזל-טוב אונזער שוועסטער און שוועגערין **רעגינאַ באָרזיקאָווסקאַ** צו איהר תנאים מיט ה׳ **עזריאל ווייס** א בליהענדע, גליקליכע צוקונפט ווינשען

מרדכי בערקענשטאט און פרוי.

צו דער פערלאָבונג פון פרל. **רעגינאַ באָרזיקאָווסקאַ**
מיט ה׳ **עזריאל ווייס**
ווינשען מיר א גליקליכע צוקונפט און א צופרידען צוזאמענלעבען.

ישראל דאַנציגער און פרוי

צו דער פערלאָבונג פון אונזער מיטארבייטער **עזריאל ווייס** מיט פרל. **רעגינאַ באָרזיקאָווסקאַ** ווינשען פיעל גליק און אייביגע צופרידענהייט

ראובן אייזנער און פרוי
לייזער ראָטהאָלץ און פרוי
לייביש דאָומאַן און פרוי.

צו דער תנאים פון פרל. **רעגינאַ באָרזיקאָווסקאַ** מיט ה׳ **עזריאל ווייס** א הארציגען מזל-טוב און א בליהענדע צוקונפט ווינשען

מארקוס געלבער און פרוי.

מזל-טוב און א גליקליכע צוקונפט ווינשען מיר אונזער פריינד **עזריאל ווייס** צו זיין תנאים מיט פרל. **רעגינאַ באָרזיקאָווסקאַ.** די עלטערן — פיעל נחת.

יצחק גראַנעק און דוד קווינטא.

Z intencji zaręczyn p. REGINY BORZYKOWSKIEJ
z p. EZRIELEM WEISSEM
składają życzenia szczęścia i pomyślności
M. LEJZEROWICZOWIE

אכטונג וויעלון! צום קומענדען סעזאָן איז אונזער

מאַלער = וואַרשטאַט

פערזעהען מיט די מאָדערנסטע און שענסטע, נייעסטע מוסטערן. סאָלידע אויספיהרונג צו גאַנץ ביליגע פרייזען.

געברידער דאַווידאָוויטש, וויעלון.

Dr. Med. JAN TALIKOWSKI

b. Starszy Asystent Sanatorjum dla chorób piersiowych im. D-rów Dłuskich w ZAKOPANEM

przeprowadził się i ordynuje codziennie

przy ul. WASCHYNGTONA 22, I p. od godz. 18-ej do 20-ej (6—8 wiecz.)

Oświadczenie.

Oświadczam niniejszem, iż z Ż. K. S. „Hakoach" w Częstochowie nie mam nic wspólnego.

E. EHRLICH.

Dr. med. H. Polak

choroby oczu

przeprowadziła się na ul. N. Marji Panny 32.

Przyjmuje od 9—1 i od 4—7.

הסתדרות „צעירי מזרחי" בצ׳נסטוכוב.

שבת ד. 9 מערץ 8-30 אָווענד

קומט פאר אין לאָקאַל פון „מזרחי" אלעע 10

א רעפעראַט

פון בעריהמטען רעדנער, זשורנאַליסט פון א״י **דר. ל. האָהמאַן** (אלמוני)

א. ד. ט.: „לאָמיר ראַטעווען אונזער עתיד!" (ארץ-ישראל אין ליכט און אין שאָטען).

איינגאַנג 25 גר.

ענטשולדיגונג.

איך בעט ענטשולדיגונג ביים ה׳ אַלטער פאר מיין נישט טאַקטישע אויפפיהרונג. איך בין געוואָרען אריינגעפיהרט אין אַ טעות דורך זייטיגע פערזאָנען. איך פערזיכער, אַז אַזאַלכעס וועט מעהר נישט פאָרקומען.

יודל לובינסקי

ענטשולדיגונג.

איך בעט ענטשולדיגונג ביי יודל לובלינסקי פאר מיין נישט-עטישער אויפפיהרונג. איך האָב חרטה און פערזיכער, אַז אַזעלכעס וועט מעהר נישט פאָרקומען. דעם דאָזיגען טהאָט בין איך בעגאַנגען אין גרויס אויפרעגונג.

ב. ד. אַלטער

Tańców: modnych, zwykłych

wyucza w kompletach, oddzielnie

baletm. K. KOSTECKI,

ul. Waszyngtona 6.

Zapisy na kursy codziennie od 10 rano do 9 wiecz. Opłata niska.

פראַקטישע לעקציע יעדען שבת פאַר יודישע געזעלשאפט אנהויב 8 אָוונד.

לעצטע מוזיק-שלאַגערס. צונעגליכער אַנצאָל.

FARBIARNIA, PRALNIA CHEMICZNA

„KRYSZTAŁ"

ul. Berka Joselewicza 2.

מיר נעמען אָן צו וואשען **קראַגענס** מיט לאנג-דויערענדע שפיגעל-גלאַנץ, אויך נעמען מיר אָן **כעמיש** צו רייניגען און צו פארבען אלערארט קליידונג.

ספעציאַליטעט: 1) פאַרבען לעדערנע קורטקעס, 2) דעטאַשירען (ארויסנעמען פלעקען אָהן וואַשען).

אַכטונג: פלעקען ווערען ארויסגענומען אויפ׳ן אָרט

אהן אַדרעס...

מיר האבען בעקומען פון צענטראַלען קאָמיטעט פאַר דער אַנטי-היטלעריסטי-שער ווירטשאַפטליכער אַקציע אין וואר-שא פאָלגענדען בריעף, אין שייכות מיט'ן צוזאַמענפאָהר פון די פעראייניג-טע יודישע קאָמיטעטען פאר די פליטים אין דייטשלאַנד:

„זעהר חשוב'ע פריינד!

„אייך איז מסתמא בעוואוסט, אַז דעם 10 מערץ ה. י. קומט אין ווארשא פאַר אַ צוזאַמענפאָהר פון די פעראיי-ניגטע יודישע קאָמיטעטען פאַר די פליטים פון דייטשלאַנד. דער אָפיציע-לער סדר-היום איז נוגע הילף פאַר די פליטים. עס וועט אָבער אויך פיעל געווידמעט ווערען דער באָיקאָט-פראַגע מיר זענען איצט פעראינטערעסירט צו פערשטאַרקען די באָיקאָט - שטימונגען צווישען די יודישע קאָנסומענטען. עס איז דעריבער נויטיג, אַז דער געפלאַנ-טער צוזאַמענפאָהר זאָל אַדורך מיט גרויס ערפאָלג. דאס וועט בלי שום ספק האבען א ווירקזאַמען איינפלוס אויף דעם ווייטערדיגען גאַנג פון דער באָיקאָט-אַקציע. חוץ דעם באָיקאָטירען דייטשע סחורות זענען מיר אויך אויסען צו הויבען דעם פערברויך פון אינלענ-דישע אויסאַרבייטונגען.

„דאס יודענטום אויף דער גאַנצער וועלט קוקט זיך צו צו אונזער אַנטייל און דעם ווירטשאַפטליכען קאַמף געגען דעם מלכות היטלער הרשעה. מיר הא-בען זיך ווירדיג פרעזענטירט אין דעם גרויסען היסטאָרישען אַקט.

פון אייך, חשוב'ע פריינד, פערלאַנ-גען מיר, אַז איהר זאָלט אין שייכות מיט דעם פאַרשטעהענדען צוזאַמענפאהר פערעפענטליכען ביי זיך אין צייטונג אַרטיקלען, וואס זאָלען בעאיינפלוסען די אָרטיגע יודישע בעפעלקערונג פאַרט-צוזעצען דעם באָיקאָט אויף דייטשע סחורות. איהר דאַרפט אָבער אויך וויר-קען אויף די לאָקאַלע קאָמיטעטען, אַז זיי זאָלען זיך בעטייליגען אין דערמאנ-טען צוזאַמענפאָהר, וועלכער דאַרף אויס-פאַלען, וואס אימפּאַזאַנטער".

*

זיצען מיר און טראַכטען, צו וועמען זאָלען מיר זיך ווענדען, וועמען זאָלען מיר בעאיינפלוסען און איבערהויפט וואו איז זייער אַדרעס.

מיר האבען די גאַנצע צייט אויפגע-מונטערט, געוועקט, אויפמערקזאם גע-מאכט, אַז ס'ווערט בעגאַנגען א פער-ברעכען דערמיט, וואס אין דער האַנ-דעלס-שטאָדט טשענסטאכאוו ווערט גע-טריבען אַ מסחר מיט דייטשלאַנד. אַלע ווייסען דערפון און מען שעהמט זיך שוין גאַרנישט ד'ערמיט.

ערשט נעכטען האבען זיך צו אונז געוואַנדען עטליכע אָנגעזעהענע היגע בעלי-בתים און אונז דערצעהלט וועגען עטליכע היגע יודישע סוחרים, וואס זענען געזעלשאַפטליכע טהוער, אַז זיי ברענגען גאַנצע מענגעס סחורה פון דייטשלאַנד.

וועגען ערטיילען הילף די דייטשע פליטים, איז דאָך שוין אוודאי אָבגע-רעדט–דאס איז דאָך שוין לאַנג ליק-ווידירט געוואָרען.

מיר האבען געלעזען דעם בריעף און אַדורכגעוועהטאָגט איהם; מיר ווייסען, אַז דער דאָזיגער צוזאַמענפאָהר האט אַ גרויסע היסטאָרישע בעדייטונג פאַר'ן יודישען כלל און מיר וואָלטען בעשטימט ערפולט אונזער חוב און גע-רופען די היגע יודישע געזעלשאַפט, אַז זי זאָל אַנטייל נעמען אין דעם צוזאַ-מענפאָהר, נאָר ליידער האבען מיר נישט דעם געהעריגען אדרעס.

די איינציגע מעגליכקייט איז, אַז די יודישע קהלה, אַלס די העכסטע רע-פּרעזענטאַנץ, זאָל דעלעגירען איהר פאַרשטעהער אויפ'ן צוזאַמענפאָהר. צום טשענסטאָכאָווער אַנטי-היטלער-קאָמיטעט האבען מיר שוין ליידער נישט קיין אַדרעס...

ש.

„צו וואס זיך לעכערליך מאַכען?"

מיט איינציגע וואָכען צוריק האט ה' פייגין פערעפענטליכט אַנ'אַרטיקעל אין „אונזער וועג", אין וועלכען ער האט געגעבען אַנ'איבערבליק איבער דער רעוויזיאָניסטישער וועלט-קאָנפע-רענץ און דערביי געמאַכט אַ סך-הכל, אַז... די אמת'ע רעוויזיאָניסטען זענען נאָר די יודענשטאַטלער. מיין ענטפער דעם ה' פייגין אין דער „טשענסטאָכאָ-ווער צייטונג" איז געווען אַ טאַקטי-שער; איך האָב איהם געמליך געפרעגט, צי מען קען אָבגעבען אַ בעריכט פון אַ קאָנפערענץ נישט זייענדיג אויף איהר, נאָר אויפ'ן גרונד פון אויסצוגען פון פערשידענע צייטונגען, עס האט מיך איבערהויפט געוואונדערט וואס ה' פ. שרייבט אַזוי וועגען רעוויזיאָניזם אין דער צייט, ווען ער אַליין מיט זיין גאַנצער פאַרטיי האבען אַבסאָלוט נישט קיין אַנדערן פראָגראַם און אידעאָלאָגיע, ווען ער אַליין האט געטרינקען וואַסער פון דעם דאָזיגען ברונעם און פיעל גענאַשט פון דעם גרויסען רעוויזיאָניס-טישען גאַרטען.

ה' פייגין מיט זיינע חברים אָבער, וועלכע פּרעטענדירען צו זיין פיהרער פון אַ פּאָליטישער פּאַרטיי, האבען נישט געפינען פאַר נויטיג זאַכליך צו ענטפערן אויף מיינע פראַגען, זיי הא-בען נישט געפונען פאַר נויטיג צו פיהרען אַ פּראַגראַמאַטישע דיסקוסיע וועגען רעוויזיאָניזם און יודענשטאַט-לער, נאָר אָנגעהויבען שיסען פון הינ-טער'ן פּלויט, אונטערשטעלענדיג אַ נישט-דערוואַקסען יונגעל, וועלכער איז מיט אַ גאַסען-שפּראַך אָנגעפאַלען אויף מיין פּערזאָן.

צוליעב דעם אויבענדערמאַנטען ער-קלער איך, אַז איך קען ליידער ווייטער נישט אַריינגעהן אין קיין שום דיסקוסיע מיט די אויבענדערמאַנטע הערען, ווייל פּערזאָנען, וועלכע הא-בען נישט קיין מוט אויפצוגעבען זיי-ערע אייגענע נעמען, נאָר שיסען פון הינטער'ן פּלויט דורך נישט-פּעראַנט-וואָרטליכע יונגלעך, שטעהן ליידער נישט אויף דער הויך פון זייערע אויפ-גאַבען.

ש. ניעמיראָווסקי.

פאָהן-פייערונג פון מעטאַל-צעך.

פערגאַנגענעם זונטאג נאָכמיטאג איז אין אייגענעם לאָקאַל פאַרגעקומען די ענטהילונג פון א פאָהן פון מעטאַל-צעך.

אויף דער דאזיגער פייערונג זענען געווען פערטרעטען פאַרשטעהער פון דער מאכט, פרעזעס פון דער קהלה און א רייהע געזעלשאַפטליכע טהוער און פאַרשטעהער פון ווירטשאַפטליכע אָרגאַ-ניזאַציעס.

די פייערונג עפענט דער סטאַרשע פון צעך ה' א. גאָטליב, וועלכער גיט אַנ'איבערבליק איבער דער ענטשטעהונג פון מעטאַל-צעך, וועלכער איז געגרינ-דעט געוואָרען אין יאהר 1929 און ערשט איצט פייערן זיי די ענטהילונג פון אַנ'אייגענעם צעך-פאָהן.

דער פאַרשטעהער פון צענטראַלען האַנדווערקער-פערבאַנד, ה' פישער פון קראָקע, בעגריסט אין נאָמען פון דער צענטראַלע די איינגעלאַדענע געסט און האַלט דערביי א קורצע רעדע. שפּעטער שניידט ער אַדורך די באַנד און פאר די אויגען פלאַטערט אויף די פאָהן, וועלכע איז זאַרגפעלטיג אויסגעפערטיגט געוואָרען דורך ה' לאַפּידעס.

דאַן קומט-פאר דאס אַריינקלאַפּען די נעגעל לויט פאָלגענדען סדר: אין נאָמען פון האַנדווערקער-פערבאַנד – א. דזיאַ-לאָווסקי, סטאַראָסטוואַ – רעפּערענט מאַלעץ, האַנדווערקער-קאַמער – ראַט. מושאַל, יודישער קהלה – פרעזעס י. ראָזענבערג, קאַמבאַטאַנטען–וויטרזשיץ, מעטאַלורגיע – דיר. שוואַרץ, ציוניסטי-שע אָרג. – דר. בראַם, האַנדווערקער-שולע – דיר. אינזש. פּרזשיסוסקער, הויזווירטען-פעראיין – ש. ראַזאַל, באַנק ספּולדזיעלטשי – דיר. זאַנד. האַנדווער-קער-באַנק – פרעזעס ש. ניעמיראָווסקי, הענריקוב – ה. שפּאַלטען, מעטאַל-צעך – וו. לאַנצמאַן, שניידער-צעך – פיי-גענבלאַט, בעקער-צעך – מ. גאָלדבערג, פריזיער-צעך – י. שענוואַלד, קצבים-צעך – ווייכמאַן, צווייטער שניידער-צעך – סודיצקי, בלעכער-צעך – מ. בלום, לעדער-צעך – א. ווייס, טישלער-צעך– ל. קאַץ, קירזשנער - צעך – זיידמאַן, טאַפּעציר-צעך – פיטעל.

דאַן קלאַפּען נאָך אַריין נעגעל די ה"ה: דזיאַלאָשינסקי, קאָנגרעצקי, מ. רוזשעוויטש, שוואַרצבוים, לאַנדוי, דיר. קאַהן, ראָזענשטיין, וואַסערמאַן, שטיבעל, דזיאַלאָוויטש, ש. גראַנעק, לאַריע, ס. מיטלער, פ. ווינדמאַן, שטשעקאַץ, פ. שפּירא, א. ראָזענצווייג, ליבגאָלד, קאַ-מינסקי א. א.

נאָכדעם ווערען געלעזען בעגריסונגען און טעלעגראַמען פון הרב ר' נחום אַש שליט"א, האַנדווערקער - קאַמער אין קעלץ, דיר. אַקסענטאָוויטש, דיר. אַסאַ-ראַדאָברײַ, דיר. זאַיענטשקאָווסקי, פון זייגערמאַכער-צעך אין קעלץ און פיעל אַנדערע.

מיט א שלוס-רעדע פון סטאַרשע ה' גאָטליב ווערט די פאָהן-פייערונג גע-שלאָסען.

———

אין אָווענד איז פאַרגעקומען א פיי-ערליכער באַנקעט, צו וועלכען ס'זענען געקומען א גאַנצע רייהע פערבעטענע געסט מיט'ן פרעזעס פון דער יודישער קהלה ה' יעקב ראָזענבערג אין דער שפּיץ.

דער טאָאַסט-מייסטער איז געווען ווי תמיד פרעזעס ה' ש. ניעמיראָווסקי און דער עולם האט פערבראַכט ביי גע-דעקטע טישען ביז שפּעט אין דער נאַכט.



די יעהרליכע אַלגעמיינע פערזאַמ-לונג פון האַנדווערקער - פערבאַנד.

פערגאַנגענעם שבת-צו-נאַכטס איז אין אייגענעם לאָקאַל פאַרגעקומען די יעהר-ליכע אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון האַנד-ווערקער-פערבאַנד.

די פערזאַמלונג עפענט ה' ד. דזיאַ-לאָוויטש. אַלס פאָרזיצער ווערט אויסגע-וועהלט ה' מ. פייגענבלאַט. בייזיצענדע די ה"ה: ש. שאַכער, א. יאַרקאָוויזנע, מ. געלבער און גריגבערג. סעקרעטאַר– ראָזענצווייג.

דעם טעטיגקייטס - בעריכט גיט-אָב פרעזעס א. דזיאַלאָווסקי, וועלכער שטעלט זיך אָב אויף אַלע געביעטען, וואו די האַנדווערקער-פאַרשטעהער זענען פער-טרעטען און שילדערט זייער שווערען קאַמף פאר די אינטערעסען פון יודישען בעל-מלאכה אין דער איצטיגער קריטי-שער צייט פאַר'ן פערבעסערען דעם שווערען גורל. דעם קאַסע-בעריכט גיט-אָב סעק. ה' א. ווינער.

ה' ד. דזיאַלאָוויטש גיט-אָב א בעריכט פון דער קאַסע ק. ק. אָ. און פון דער יודישער קהלה, דאַן ענטוויקעלט זיך א דיסקוסיע, אין וועלכער ס'נעמען אַנטייל די ה"ה: י. שטייער, פלאַמענבוים, פּיע-כאָטע, י. גאָלדבערג, הייניפריד, הערמאַן, ל. זיידמאַן, פריידמויער, פייגענבלאַט, בולווא, דערעס א. א. צום סוף ווערט אויסגעדריקט אַבסאָלוטאָריום דער אָב-טרעטענדער פערוואַלטונג.

דער בודזשעט אויף דער סומע פון 6.600 זל. ווערט בעשטעטיגט.

אין זי'ער פערוואַלטונג ווערען אויס-געוועהלט די ה"ה: ד"ר גייסלער, ש. גראַנעק, דזיאַלאָוויטש, א. דזיאַלאָווסקי, י. גאָלדבערג, מ. פייגענבלאַט, לאַריע, ס. מיטלער, ז. פריידמויער, ב. שטיבעל און ש. קאַץ. קאַנדידאַטען: א. ווייס, מ. בלום און אַרטמאַן.

די צווייטע זיצונג פון נייעם שטאָדט-ראַט וועט פאַרקומען היינט פרייטאָג, דעם 8-טען מערץ.

די צווייטע זיצונג פון נייעם שטאָדט-ראַט איז בעשטימט געוואָרען אויף פרייטאָג, דעם 8-טען ד. ח. 7 א זייגער אָווענד.

אויפ'ן טאָג-אָרדנונג געפונען זיך פאָל-גענדע פונקטען: וואַהלען פון א שטאָדט-פרעזידענט, וויצע-פרעזידענט און 5 לאָווניקעס.

ס'איז צו ערוואַרטען, אַז צוליעב דעם, וואס די אַלגעמיינע לאַגע אינערהאַלב פון שטאָדט ראַט האט זיך גאַרנישט געענדערט, וועט אויך די דאָזיגע זיצונג נישט געבען קיין שום פּאָזיטיווען רע-זולטאַט און טשענסטאָכאָוו וועט בעקומען א נאָמינירטען שטאָדט-פרעזידענט.

האַנדווערקער=קאַרטע...

נישט קיין פעליעטאָן.

פאַר עטליכע חדשים צוריק האָבען אַלע צייטונגען אָנגעהויבען צו ליאַרמען וועגען ראַטעווען די יודישע מלאכה, דהיינו: אַזוי ווי עס ענדיגט זיך דער טערמין, ווען מען קען ארויסבעקומען הנחה-האַנדווערקער-קאַרטען, און היות ווי טויזענדער יודישע בעלי מלאכות האָבען דעם דאָזיגען ענין פערנאַכלע-סיגט און זענען דעריבער געבליבען אָהן האַנדווערקער-קאַרטען, וואס וועט זיי אונמעגליך מאכען זיך צו פערנעמען מיט דער מלאכה, לכן, הזהר והשמר דערבאַרימט אייך האַנדווערקער אויף אייער אייגען לעבען און פערזאָרגט אייך מיט אַזא כתיבה, וואס וועט אייך אָבהיטען פון אַלדאָס בייז און וועט אייך פערזיכערען מיט פרנסה פאר אייך און אייער פאַמיליע, קינדער און קינדס-קינדער ער סוף כל הדורות.

צו דעם צוועק זענען אויך געשאַפען געוואָרען קאָמיטעטען, וועלכע מען האט אַ נאָמען געגעבען: „קאָמיטעט אָבצוהיטען די מלאכה ביי יודען", דער „דזשאָינט" האט אַסיגנירט צו דעם צוועק א גרויסע סומע געלד, מען האָט אַנגאַזשירט ספּעציעלע בעאַמטע, מען האט אַרויסגעלאָזט אויפרופען, איינגע-אָרדענט מיטינגען, מיט איין וואָרט — מען האט זיך צעקלינגען אויף אַלע גלאָקען, וואס האבען געפינען אַנ'אָב-קלאַנג בכל פנות הפוילען.

פון אַלע זייטען האבען זיך יודישע בעלי-מלאכות אָנגעהויבען ווענדען צו זייערע פּערוואַלטונגען וועגען פערשאַ-פען זיי די קאַרטען; אַנדערע, וועלכע זענען נאָך נישט געווען אין צעך, הא-בען זיך ווידער געוואַנדען צום קאָמי-טעט, כדי בעגליקט צו ווערען מיט דער אויסגעצחלום'טער האַנדווערקער-קאַרטע

איצט וועל איך אייך שילדערן אין אַ מיניאַטור-פאָרם, ווי אַזוי עס איז צוגעגאַנגען דער גאַנצער פערלויף פון בעקומען אַ האַנדווערקער-קאַרטע. איך האַלט, אַז עס וועט זיין זעהר אינטע-רעסאַנט פאַר דעם איצטיגען און אויך צוקונפטיגען דור זיך צו בעקענען, ווי אַזוי אַ יודישער בעל-מלאכה האט בע-קומען די ערלויבניש צו בענוצען זיי-נע הענד און וויפיעל יסורים, עגמת-נפש, לויפעניש און דער עיקר—וויפיעל געלד דאס האט איהם אָבגעקאָסט, ביז ער האט דערלעבט צו זעהן פאַר זיינע אויגען די אויסגעטרוימטע, לאַנג-גע-גאַרטע האַנדווערקער-קאַרטע.

די דאָזיגע שורות שרייב איך, אויפ'ן יסוד פון דעם, וואס ס'האט מיר געענוי איבערגעגעבען איינער פון די יעני-גע, וועלכע האבען זיך משתדל גע-ווען וועגען אַזא האַנדווערקער-קאַרטע און איך גיב עס איבער מיט זיין לשון:

— איך האב זיך אויסגעלערנט די מלאכה מיט אַ צעהן יאָהר צוריק און ווי ס'זאָגען מענשען, איבערהויפט מיי-נע קונים, בין איך אַ ספּעציאַליסט אין מיין פאַך, אַז מען זאָגט אָבער האַנד-ווערקער-קאַרטע, איז דאָך נישט שייך צו זאָגען, בין איך אַוועק צום קאָמי-טעט, וועלכער האט מיך אָבגעשיקט צום צעך. אין צעך ווידער האט מען מיר ערקלערט, אַז איך מוז זיין אַ'מיט-גליד און דאַרף בעצאָהלען איינשרייב-געלד כך וכך, דאַן מיטגלידס-בייטראָג אַזוי פיעל און אַזוי פיעל און ערשט דאַן וועט עס געהן אויף אַ זיצונג פון דער פערוואַלטונג, וועלכע וועט בע-שליסען צי מען קאָן געבען אַ בעשטע-טיגונג, אַז איך פלוני בן פלוני אַר-בייט זעלבסטשטענדיג פון 1927 יאָהר.

איך האָב געהאַט גליק און אויך „פלייצעס" און דאַנקען גאָט איך האָב אַזא בעשייניגונג פון צעך ארויסבעקו-מען, כאָטש איך האָב געהאַט אויך גע-גנער, ווייל די קאָנקורענטען פון דער בראַנזשע האבען געהאַט תרעומות, הל-מאי מען גיט מיר אַרויס אַזאַ בעשטע-טיגונג און דער עיקר האט זיי פער-דראָסען דאס, וואס זייערס אַ נאָהנטער קרוב, וועלכער האט זיך אויך געסטאַ-רעט וועגען אַזאַ בעשייניגונג פון צעך, האט עס נישט בעקומען.

מיט אַזא כתיבה דאַרף מען געהן אין מאַגיסטראַט, וואו צוויי עדות זא-לען אונטערשרייבען, אַז זיי קאָנען מיך, האבען געקאָנט מיינע עלטערן און זיי ווייסען, אַז איך אַרבייט זעלבסט-שטענדיג פון 1927 יאָהר אָן. ווי נעמט מען אָבער אַזעלכע עדות, וואָרום עס איז דאָך אויסגעשלאָסען, אַז דיזעלבע בראַנזשיסטען זאָלען זיין אַזוי ליבענס-ווירדיג און וועלען מיר דערין צוהעל-פען. קורץ, מיט גרויס מיה און שוועָ-רער האַרעוואַניע איז מיר געלונגען אַזעלכע צוויי עדות צו בעקומען. היינט אָבער ווי ס'זענען אויסער מיר געווען נאָך צעהנדלינגער פּעטענטען, האָב איך געמוזט היטען מיינע עדות, כדי זיי זאָלען דערוויל נישט אַהיימלויפען, וואָ-רום–געדעכט זענען זיי דאָך–זיי הא-בען דאָך געוויס א טאָג אַרבייט; ערשט ווען איך האָב זיי משלם'ט פאַר זייער היזק, האבען זיי געדולדיג געוואַרט ביז ס'איז געקומען מיין רייהע.

פערטיג געוואָרען מיט'ן אונטער-שרייבען אין מאַגיסטראַט, הויבט זיך אָן א סדרה וויזיוואַדען, ווייל די צוויי עדות, וועלכע האבען אונטערגעשריבען זענען נאָך נישט בעגלויבט, מען מוז נאָך מאַכען אַ קאָנטראָלע, צי דאס אַלץ איז אמת, דהיינו: אַז איך האָב באמת אַ ווערקשטעל, אַז איך אַרבייט זעל-בסטשטענדיג פון 1927 און אַז איך – מאַלע, אין וואס דער קאָנטראָלער מוז אַלץ זיין איבערצייגט און דער עיקר– ער מוז מיך טרעפען אַרבייטען, טאָ-מער חס ושלום פעהלט מיר דעם טאָג פונקט אויס אַרבייט, מוז איך פאַרט אַרבייטען, אויב נישט בין איך קאַפּוט און שטעלט אייך פאַר, אַז איך האָב טאַקי געהאַט א מפּלה, וואָרום נאָך 8 טעג אָבוואַרטען דעם קאָנטראָלער טאָג-טעגליך, בין איך פונקט אויף א האַלבע שעה אַוועק, איז מעשה שטן גראָד אָנ-געקומען דער קאָנטראָלער, מיך נישט געטראָפען און שלוס – ער האט שוין פערטיג א דעציזיע, אַז איך אַרבייט נישט... איהר פערשטעהט דאָך וויפיעל צרות מיך האט אָבגעקאָסט, ביז איך האָב געקאָנט איבערצייגען דעם משגיח, אַז איך אַרבייט יאָ און אַז ער האט א טעות. און ווידער האָב איך געהאַט גליק – ער האט זיך ענדליך געלאָזט איבערצייגען...

פערטיג מיט'ן מאַגיסטראַט הויבט זיך אָן א סדרה סטאַראָסטוואַ, ווייל די בעשטעטיגונגען אויף אַרויסצובעקומען די קאַרטע געבען אַרויס די סטאַראָ-סטוואַ'ס, נאָר כדי צו בעקומען אַזא בעשטעטיגונג, מוז מען האבען איין קלייניגקייט: א „דאָוואָד אָסאָביסטי" און דאָ דערמאָן איך זיך, אַז איך האָב קיינמאָל נישט געהאַט קיין פּאַס און פערמאָג נישט קיין מעטריקע. אָבער פּעו־פאַלען, מען מוז זיך שאַפען א פּאַס. דאס ווידער געהט אויך נישט אַזוי לייכט. היות ווי מיין פאָטער שטאַמט פון מלך אביון'ס גיטער, האָב איך זיך אָנגעהויבען בעמיהען אַרויסצובעקומען פון דאָרט א ווייטשאַנג, מיט א בעווייז, אַז איך בין א פּוילישער בירגער א. ז. וו., דערווייל ווייזט זיך אַרויס, אַז די מאַגיסטראַט-ביכער זענען דאַמאָלס, בעת די רוסען זענען אַוועק, פערלוירען גע-גאַנגען און איך קען קיין פרישע מעט-ריקע נישט אַרויסבעקומען. דאַרפט איהר דאָך שוין אַליין פערשטעהן, ווי-פיעל הוצאות, מיה, עגמת-נפש און דער עיקר–צייט איך האָב פערלוירען, ביז איך האָב ענדליך דערלעבט צו זעהען דעם „דאָוואָוד אָסאָביסטי", וואָרום פער-געסט נישט, אַז יענער מאַגיסטראַט האָט געשריבען צו דעם מאַגיסטראַט און ס'איז געגאַנגען א קאָרעספּאָנדענץ, וואס האט זיך געצויגען עטליכע וואָ-כען און דאָ האָב איך מורא, אַז כ'זאָל חס-ושלום נישט פערשפּעטיגען דעם טערמין.

(סוף קומט).

סמאָל.

משה אש

די ערשטע חרדים, ישיבות און מלמדים אין טשענסטאָכאָוו.

— 8. —

אין יאָהר 1893 האָט הרב ראַווינסאָן ז"ל פערלאָזט טשענסטאָכאָוו, און א יאָהר שפּעטער האָט דעם היגען כסא-הרבנות פערנומען הרב ר' נחום אש שליט"א.

במשך פון דער צייט, ווען ס'איז נישט געוועזען קיין רב אין אונזער שטאָדט, איז דאָס לערנען אין דער תלמוד-תורה שוואַכער געוואָרען, עס איז נישט געוועזען ווער עס זאָל האָבען א השגחה איבער די יודישע למודים. מיט'ן אַנקומען אָבער פון נייעם רב איז דער סדר-הלמוד צוריקגעשטעלט געוואָרען. אין פערלויף פון די עטליכע יאָהר זענען איינציגע קאָמיטעט-מיטגלידער געשטאָרבען און דער רב האָט פאָרמירט אַ נייעם קאָמיטעט פון פאָלגענדע פערזאָנען: נתן פאַנקאָווסקי, מרדכי מאַרקאָוויטש, משה ראובן טענדלער, הירש וויערניק, ירוחם הערץ, נחום בעהם און מרדכי סודאָוויטש.

ביים איינפיהרען דעם סדר-הלמוד אין דער תלמוד-תורה האָט דער רב אָבער אָנגעטראָפען אויף שטערונגען מצד דעם קאָמיטעט-מיטגליד ה' ט., א פערצייטישער משכיל, וועלכער האָט געהאַט די אויפזיכט איבער די למודים אין דער צייט, ווען עס איז נישט געווען דאָ קיין רב. ה' ט. איז אויך געוועזען א פערוואַלטונגס-מיטגליד אין דער נייער שוהל, און ביי די פאָרטגעשריטענע איז ער געוועזען פערעכענט אַלס למדן און רעליגיעזער אויטאָריטעט. ביים איבערנעמען די ת"ת האָט דער רב איינגעפונען, אַז דאָס לערנען תנ"ך קומט-פאָר נישט אין יודיש, נאָר אין דייטש מיט מענדעלזאָנ'ס איבערזעצונג, וועלכעס די מלמדים און די קינדער פערשטעהען נישט. עס איז געוועזען אינטערעסאַנט צו זעהען, ווי דער מלמד ר' הענדל, א יוד מיט א לאַנגער באָרד, און א קאַפּעל אויפ'ן קאָפּ, איז געזעסען איבער א חומש מיט מענדעלזאָנס איבערזעצונג און געלערנט מיט די קינדער, וועלכע האָבען גאָרנישט פערשטאַנען, נאָר אַלעס מעכאַניש נאָכגעזאָגט. דער רב, זעהענדיג דאָס, האָט פערלאַנגט, אַז דער סדר-הלמוד זאָל געענדערט ווערען און דאָס לערנען זאָל פאָרקומען אין ריין יודיש. דערויף האָט אָבער ה' ט. נישט געוואָלט מסכים זיין און זיך געווענדעט צו די דאַמאָלסדיגע ראשי-הקהלה, וועלכע זענען געוועזען זיינע שוהל-חברים, מיט א פּראָטעסט, ערקלערענדיג, אַז דער רב איז בעאיינפלוסט דורך די חסידים, וועלכע זענען געגען וועלטליכער בילדונג... דער רב זעהענדיג, אַז דער דאָזיגער ענין קען ברענגען צו שנאת-חנם, האָט צוזאַמענגערופען אַלע חשובי-העיר, צווישען וועלכע עס האָבען זיך געפונען די ראשי-הקהלה, פאָרטגעשריטענע חסידים, משכילים און סתם בעלי-בתים — אויף שבת פ' בראשית תרנ"ו (1896) אין לאָקאַל פון דער ת"ת, בייצוּוואוינען דעם עקזאַמען פון די שילער.

בעת'ן עקזאַמען איז געגעבען געוואָרען דאָס רעכט יעדען פון די פערזאַמעלטע צו פערהערען די קינדער. דעם ערשטען פּרוּב האָט געמאַכט דער אָנגעזעהענער היגער גביר ר' דניאל בעהם, וועלכער האָט געפרעגט אַ תלמיד דעם טייטש פון פסוק: ויאמר אלקים ישרצו המים שרץ נפש חיה און דערויף באַלד בעקומען די תשובה: גאָטט שפּראַך, עס ווימעלט דאָס וואַססער פאָן געווימעל, בעלעבטער וועזען. אויף דער פראַגע, וואָס ער האָט דאָ געזאָגט, האָט דער שילער, אַזוי אויך דער מלמד נישט געקענט געבען קיין קלאָרע תשובה. דער לעצטער האָט נאָר זיך פערענטפערט, אַז אַזוי זאָגט מענדעלזאָן אין תרגום אשכנזי. אויך אַנדערע אַנוועזענדע האָבען פערלאַנגט פון די תלמידים, זיי זאָלען פערטייטשען פערשידענע פסוקים און האָבען אויך געהאַט דעם זעלבען פּסק.

ערשט דאַן האָבען די פערזאַמעלטע זיך איבערצייגט אין דעם אונזין פון לערנען מיט קינדער תנ"ך אין אַ פרעמדער נישט-פערשטענדליכער פאַר זיי איבערזעצונג און אַלע האָבען איינשטימיג איבערגעגעבען די השגחה איבער'ן לערנען די למודי קודש דעם רב.

אַזוי אָבער ווי ה' ט. האָט זיין פּאָזיציע נישט געוואָלט פערלירען און ווייטער זיך בעמיהט ביי זיינע חברים, די ראשי-הקהלה, דעם למוד אין דייטש צו דערהאַלטען, איז געקומען צו א הסכם, צו מאַכען אַ פּרובע אויף אַ יאָהר איינצוטיילען די שילער אין צוויי מחלקות: איינע זאָל לערנען די למודי-הקודש אין דער יודישער שפּראַך, אונטער'ן רב'ס השגחה און די צווייטע — מיט מענדעלזאָנ'ס איבערזעצונג אונטער ה' ט.'ס אויפזיכט און נאָך דעם יאָהר וועט מען זעהן, וועלכע תלמידים האָבען געמאַכט אַ בעסערן פאָרטשריט.

עס האָט אָבער נישט געדויערט א גאַנץ יאָהר, ווייל איינציגווייז האָבען זיך מענדעלזאָנ'ס תלמידים איבערגעטראָגען אין דער ערשטער מחלקה, אַזוי, אַז דאָס לערנען אין דער תלמוד-תורה איז געפיהרט געוואָרען איינהייטליך אין דער יודישער שפּראַך.

דער אַלגעמיינער ציוניזם ערב וויכטיגע געשעהענישען. *)

אַזוי לאַנג געהט מען מיט דער קריעג צום וואַסער ביז דאָס אויער רייסט זיך נישט אָב, זאָגט א יודיש שפּריכוואָרט. אַזוי לאַנג האָט דער צ. ק. פון „אַלגעמיינע ציונים" אין וואַרשא געפיהרט זיין פּאָליטיק, ביז די ווירקליכקייט האָט איהם צו דער וואַנד צוגעדריקט.

עס איז נישט פערהאַן אין קאָנגרעס-פּוילען די שטאָדט, דאָס שטעדטיל, וואו מען זאָל נישט היציג דיסקוטירען וועגען דער שטעלונג פון צ. ק. צום וועלט-פערבאַנד פון אַלגעמיינע ציוניסטען, די שיפּער'ס און קליינבוים'ס האָבען זיך שוין מעהר נישט געקענט אויסבעהאַלטען. ווי אַ אייל אויפ'ן וואַסער איז אַרויסגעקומען דער פעררעט. דאָס אַלגעמיינע ציוניסטישע קרעמעל, געפיהרט דורך אַ „פּועלי-ציוניסט" און אַ „התאחדות'ניק" האָט געמוזט אויפּרייסען. די שטעדט, וועלכע האָבען געהאַט דעם מוט, האָבען זיך בעצייטענס אָבגעריסען און זיך אָבגעשלאָסען אין וועלט-פערבאַנד פון אַלגעמיינע ציוניסטען. עס זענען אָבער דאָ שטעדט און שטעדטלעך, וועלכע האָבען נישט דעם מוט דערצו. זיי גלויבען אין זייער נאַאיווקייט, אַז עס וועט זיי געלונגען צו צווינגען דעם צ. ק. אין וואַרשא, ער זאָל זיך אַנשליסען אין וועלט-פערבאַנד.

צו די דאָזיגע שטעדט געהער טשענסטאָכאָוו. טאָג-טעגליך קומען פאָר היציגע דיסקוסיעס, הגם אַלע דיסקוטאַנטען אַנערקענען די נויטווענדיגקייט פון וועלט-פערבאַנד און אונטערשטרייכען די בעדייטונג פון אַ שטאַרקער אַלגעמיינער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. אַלע, אחוץ א זעהר קליינעם אויסנאַהם, זענען פאַר'ן אַנשליסען זיך אין וועלט-פערבאַנד, אָבער דאָך גלויבען זיי, אַז עס וועט זיי געלונגען צו צווינגען דעם צ. ק. אַריינצוטרעטען אין וועלט-פערבאַנד. אויב מען האָט אַרויסגעזאָגט „לכה דודי לקראת כלה", דאַרף מען ווייטער זאָגען: „פני שבת נקבלה". מען וויל אָבער נישט צוליעב פּחדנותקייט, אַנדערש קען איך עס נישט אָנרופען, ווי פּחדנות.

דער בלאָטער האָט געפּלאַצט, מען גרייט זיך פּיבערהאַפט צו דער קרייז-קאָנפערענץ, וועלכע קומט פאָר שוין די נעכסטע צייט.

צי האָבען מיר א גרונד צו האָפען אויף וויכטיגע געשעהענישען? יאָ! עס איז זיכער, אַז די קרייז-קאָנפערענץ וועט ברענגען א סוף צום אומנאָרמאַלען צושטאַנד. סוף כל סוף, נאָך אַזוי פּיעל טרויעריגע ערפאַהרונגען, וועט מען קומען צו דער איבערצייגונג, אַז דער „התאחדות'ניק" מיט'ן „פּועלי-ציוניסט" וועלען נישט אָבטרעטען. גרינבוים וועט פאַר'ן קאָנגרעס נישט זיצען מיט פערלעגטע הענד, ער וועט זיך ווידער נעהמען צו זיין אויסגעפּרובט מיטעל פון „דיווידע עט אימפּעראַ" און אפשר זיך ווענדען נאָך הילף צו דער „ליגע", די לעצטע אָבער דאַרף איהם שוין נישט, זיינע פּאָזיציעס זענען דאָך שוואַכע. דאַן וועט מוזען קומען צו אַנ'ענדע. די מאַסקעס וועלען ווערען אַרונטערגעריסען און עס וועט זיך פאַר אונז בעווייזען דער גאַנצער צ. ק. אין זיין אמת'ן געשטאַלט.

אין גאַנצען פּלאַנטער נעמט אַ דירעקטען אַנטייל זיין יוגענד, דער „הנוער הציוני". ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, דערזעהן די געפאַהר, כמעט איבעראַל זאָגען זיך די סניפים אַרויס פאַר'ן אַריינטרעטען אין וועלט-פערבאַנד. אָבער די פיהרער זענען געגען. עס קומען פאָר שפּאַלטונגען און דער שוין גענוג אָבגעשוואַכטער „הנוער" פאַלט צו גרונד.

מען וואַרט אומגעדולדיג אויף דער לאַנדעס-קאָנפערענץ, וועלכע וועט די נעכסטע צייט פאָרקומען אין לעמבערג, אָבער קיין שום נייעס וועט זי מיט זיך נישט ברענגען, אחוץ א פרישע שפּאַלטונג. דער פיהרער פון „הנוער הציוני" אין גאַליציען, ה' שטייגער, האָט ערקלערט פאַר א פּרעסע-פאָרשטעהער, אַז אין קאָנגרעס-פּוילען זאָלען זיי זיך אָבהאַלטען פון אַריינטרעטען אין וועלט-פערבאַנד, די קנים זענען פאַר. — עס איז דעריבער ווידער פאָראויסגעזעהען א שפּאַלטונג. די מערהייט וועט אַריין אין וועלט-פערבאַנד און עס איז דערפאַר נישט אויסגעשלאָסען, אַז זי זאָל זיך נישט פערייניגען מיט דער אַלג. ציוניסטישער יוגענד-אָרגאַניזאַציע „עקיבא". די מינדערהייט וועט בלייבען איזאָלירט און בילדען א פראַקציע, וועלכע וועט סוף-כל-סוף אַרונטערפאַלען אונטער דער השפּעה פון די לינקע.

מיר שטעהען אַלזאָ ערב וויכטיגע געשעהענישען אין אַלגעמיין-ציוניסטישען לאַגער.

ש. כ"ץ.

*) אויפ'ן גרונד פון פרייער דיסקוסיע.

צו דער אַלגעמיין-ציוניסטישער יוגענד אין פּוילען

זייט יאָהרען זענען מיר עדות ווי די אַלגעמיין ציוניסטיש חלוצישע אָרגאַניזאַציע אין קאָנגרעס-פּוילען, וואָס האָט געהאַט די אויפגאַבע אויפצוקלערען און ערציהען איהרע מיטגלידער אינ'ם גייסט פון אַלגעמיינעם ציוניזם, האָט צו אונזער בעדויערען אָבגעטרעטען פון די אָנגעצייכענטע ליניע און ערציהט איהרע מיטגלידער אין פרעמדען גייסט, וואָס שטעהט אין ווידערשפּרוך צו דער אַלגעמיין-ציוניסטישער אידעאָלאָגיע.

עס האָט אָבער ענדליך געמוזט קומען דער טאָג, ווען די ענטוישונג און פערביטערונג ביים אַלגעמיין-ציוניסטישען חלוץ, וועלכער אַנערקענט נישט קיין אַלגעמיינעם ציוניזם מיט הוספות און טענדענציעזע אינטערפּרעטאַציעס זאָל קומען צום אויסדרוק און טהאָט. עס האָט געמוזט קומען דער טאָג, ווען מען זאָל א סוף מאַכען צו דער טאָלעריוונגס-פּאָליטיק אינערהאַלב פון „החלוץ הכלל הציוני", ווען מען זאָל אויפהערען צו דולדען, אַז מען זאָל ווערען „מאַאַריזירט" אידעאָלאָגיש אין די רייהען פון די אַלגעמיינע ציוניסטען.

און נאָכדעם ווי פאַר יעדער אַלגעמיין-ציוניסטישער לאַנדעס-אָרגאַניזאַציע איז געשאַפען געוואָרען די טעטיגקייט פון צוזאַמענאַרבייט אין וועלט-פערבאַנד פון אַלגעמיינע ציוניסטען, אויך דאַן האָט די אויבענדערמאָנטע גרופּע נישט נור נישט ערקלערט איהר צוטריט צום וועלט-פערבאַנד, נור זאָגאַר אויף אַנ'אונצווייידייטיגען אופן איהם אויסגעלאַכט און פערשריגען אַלס פיקציע.

און מיט דעם מאָמענט, ווען עס איז ענטשטאַנען די אָרגאַניזאַציע פון אַלגעמיינע ציוניסטען אין פּוילען, איז גלייכצייטיג ענטשטאַנען די איינציגע דורך דעם וועלט-פערבאַנד אַנערקענטע אַלגעמיין-ציוניסטישע יוגענד-אָרגאַניזאַציע אין קאָנגרעס-פּוילען א. נ. „החלוץ הלאומי". טראָץ אַלע שוועריגקייטען און שטערונגען, אויף וועלכע מיר טרעפען זיך אָן ביי אונזער אַרבייט איז אונז געלונגען אין דער פערהעלטניסמעסיג קורצער צייט, א דאַנק דער פערשטענדניש פון אַלגעמיין-ציוניסטישען חלוץ, צו שאַפען א רייהע סניפים אויף דער פּראָווינץ, ווי אויך אַ צאָהלרייכען סניף אין וואַרשא.

מיר ווענדען זיך דעריבער צו אַלע אַלגעמיין-ציוניסטישע חלוצים, וועמען עס איז טייער דער געדאַנק פון ריינעם אַלגעמיינעם ציוניזם מיט דעם רוף צו שאַפען סניפים פון „החלוץ הלאומי" אין פּוילען. העלפט בויען די בעוועגונג פון אַלגעמיין-ציוניסטישען חלוץ! שטעלט זיך תיכף אין פערבינדונג מיט אונזער צענטראַלע!

אַגיטירט און אָרגאַניזירט דעם „החלוץ הלאומי"!

בברכת ציון החלוץ הלאומי!

הועד המרכזי של הסתדרות
„החלוץ הלאומי" בפולניה.

וואָס געהערט, וואָס געזעהן.

האָבען מיר דאָס געהאַט א וואָך מיט פערשידענע פייערונגען, פערזאַמלונגען, טיי-אָווענדען, באַקס-מעטשען, טעאַטער-פאָרשטעלונגען וכדומה און דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען אין פערלויף פון צוויי טעג — שבת און זונטאָג און כמעט אינדערזעלבער צייט. איך, אָרימער, האָב דעריבער נישט געוואוסט וואו איך זאָל פריהער געהן און זיין האָב איך געוואָלט אומעטום, אַלץ זעהען און פערצייכענען.

ליידער, איז מיר דאָס נישט געלונגען, ווייל דערוויל איז נאָך נישטאָ קיין ערפינדונג, אַז איין מענש זאָל קאָנען זיין אין איין-אינדערזעלבער צייט אויף צוויי ערטער. אויף וויפיעל איך האָב געקאָנט, בין איך דאָך געווען, געזעהן און פערצייכענט, און אָט לויט דעם סדר וויל איך אייך איבערגעבען, וואָס כ'האָב דאָרט געהערט און געזעהן.

„עמך"-פערזאַמלונג.

באַלד ווי מען האָט אָבגעמאַכט הבדלה, האָבען זיך פערזאַמעלט די „עמך" אויף דער יעהרליכער אַלגעמיינער פערזאַמלונג און ווי מען שמועסט איז זי געווען זעהר א שטורמישע. עס האָבען זיך געפיהלט די ווינטען, וואָס פערשידענע פאַרטייען האָבען זיך בעמיהט צו פערזייהען און דער עיקר, אַז אויך אַלע מאָל בלייבט איבער צו די וואָהלען אַ קליינער טייל מיטגלידער, האָבען דאַסמאָל אָבגעגעבען די שטימען צו דער פערוואַלטונג איבער אַ מאה מיטגלידער.

אמת, ס'איז געבליבען אַלץ כמעט ווי פריהער, דיזעלבע פערוואַלטונג, דאַסזעלבע פּרעזידיום, ווייל דער טשענסטאָכאָווער אָרגאַניזירטער האַנדווערקער איז צו פעסט, אַז מען זאָל איהם קענען צוטרייסלען. פערטראַכטען זיך דאַרפען זיי אָבער יאָ, ווארום אויב מען וועט אַריינפיהרען פּאָליטיק, קען עס שאַדען ברענגען די ריין-ווירטשאַפטליכע האַנדווערקער-אינטערעסען.

דערווייל אָבער איז „עמך" געבליבען ווידער פעסט און זאָל מען האָפען, אַז זיי וועלען ווייטער פיהרען זייער אַרבייט לטובת די ברייטע האַנדווערקער-מאַסען.

„25 יאָהר".

אַזאַ אַפּיש האָט זיך בעוויזען אין גאַס. דער געוועהנליכער דורכגעהער האָט זיך נישט אָריענטירט וועגען וואָס דאָ האַנדעלט זיך, פאַר די יודעי-חן אָבער איז די זאַך קלאָר.

איך וויל דעריבער אויך דערמיט בעקאַנט מאַכען אונזערע לעזער.

ווי בעוואוסט איז דאָ אין טשענסטאָכאָוו אַ סטאַביל פּויליש טעאַטער. וואָס ווערט אויסגעהאַלטען און סובסידירט דורכ'ן מאַגיסטראַט. האָט אַנ'אַרטיסט פון אָרטיגען טעאַטער געפייערט זיין 25-יעהריגען יובילעאום. האָט מען געשאַפען אַ פּראָטעקטאָראַט פון גענעראַלען און די העכסטע פערזענליכקייטען פון אונזער שטאָדט, דאַן אַנ'עהרען-קאָמיטעט ווידער פון אַ רייהע אָנגעזעהענע טשענסטאָכאָווער בירגער און מען האָט איינגעאָרדענט אַ פייערונג אויפ'ן העכסטען אופן: מיט רעדעס, מתנות און דער עיקר — דאָס טעאַטער איז געווען איבערפולט ביז'ן לעצטען בענקעל, צווישען וועלכע ס'האָט אויך נישט געפעהלט א גרויסע צאָהל פון אחינו בני ישראל.

דער אַרטיסט מאַלינאָווסקי איז געווען אַזוי גערירט פון דעם דאָזיגען כבוד, אַז ס'האָבען זיך ביי איהם געגאָסען טרעהרען פון די אויגען. נישט ווילענדיג האָט זיך ביי מיר אויך אַרויסגעכאַפּט אַ טרעהר, דערמאָנענדיג זיך דעם ביטערען גורל פון יודישען אַרטיסט, וועלכער וואַלגערט זיך אַרום נע ונד אָהן אַ שוך און אָהן אַנ'אַנלעהן. כ'האָב אָבער באַלד פערווישט די דאָזיגע טרעהר, ווייל ס'איז דאָך עפּיס א יום-טוב, עס איז דאָך עפּיס אַ 25-יעהריגער יובילעאום פון א פּוילישען אַרטיסט...

דער קליינהענדלער האָט ס'וואָרט.

זונטאָג פאַרמיטאָג זענען זיך צונויפגעקומען די טשענסטאָכאָווער קליינהענדלער, כדי זיך אַראָבצורעדען אַביסעל פון האַרצען וועגען זייער טרויעריגער לאַגע און אויך וועגען דעם געפּלאַנטען שלום, וואָס האָט געזאָלט צושטאַנד-קומען צווישען ביידע קליינהענדלער. האָט מען גערעדט און גערעדט. האָט גערעדט א פאָרשטעהער פון איין צד, איז ער געווען גערעכט, האָט געדבר'ט א פאָרשטעהער פון צווייטען צד, איז ער אוודאי גערעכט. דער עיקר, אַז מען איז זיך צוגאַנגען מיט דעם, וואָס מען איז געקומען און דער קליינהענדלער איז ווידער געבליבען הילפלאָז.

ויסעו ויחנו...

געדענקט איהר אין חומש, וואו עס דערצעהלט זיך ווי אַזוי די יודען האָבען געוואַנדערט פון איין אָרט אויפ'ן אַנדערן, אַזוי ווי עס שטעהט: ויסעו ויחנו? אָט אַזוי איז אויך דער גורל פון יודישען אַרטיסט. נישט נאָר בלויז, וואָס זיי מוזען וואַנדערן פון איין שטאָדט אין דער אַנדערער, נאָר אפילו אין דער זעלבער שטאָדט האַלטען זיי אין איין וואַנדערן פון איין טעאַטער אין אַנדערן.

די טרופּע פון קדיש כאַש, אָט די דאָזיגע ליעבלינגען זענען געקומען שפּיעלען ביי אונז טעאַטער און היות ווי ס'איז נישטאָ קיין טעאַטער-זאַל, מוזען זיי אַנקומען אין אַ קינאָ. האָט מען מיט נויט-שוויס געקאָנט בעקומען אַ קינאָ-זאַל. זענט איהר שוין פערטיג? האָט איהר א טעות. אָבגעשפּיעלט 3 פאָרשטעלונגען האָבען זיי זיך געמוזט איבערציהען אין קינאָ „לונאַ". באַלד אָבער האָבען זיי געמוזט צוריקוואַנדערן אין „אַטלאַנטיק". און ווידער האָט מען זיך געמוזט שיידען מיט'ן „אַטלאַנטיק" און איבערגעהן אין „לונאַ". נאָר דאָ איז אָבער געשעהן א מכשול און די אַרטיסטען זענען דעריבער געבליבען אויף דער פלייש-באַנק. ערשט מאָנטאָג האָבען זיי ווידער אָנגעהויבען שפּיעלען אין „לונאַ" און דעם הייגטיגען פרייטאָג און שבת ווידער אין פייערלעשער-זאַל.

אָט אַזוי איז דער גורל פון יודישע אַרטיסטען, וועלכע מוזען, אַזוי ווי אַמאָל די יודען אין דער מדבר כסדר וואַנדערן.

ויסעו ויחנו...

האַרציג, פרעהליך.

לויט דער איניציאַטיווע פון זש. ט. ק. איז איינגעאָרדענט געוואָרען אַ קבלת-פנים פאַר די אַרטיסטען פון דער ווילנער אָפּערעטען-טרופּע א. נ. „אַ גלעזיל טהעע".

אויף דעם דאָזיגען גלעזיל טהעע האָט זיך פערזאַמעלט אַ קליינע צאָהל, דערפאַר אָבער אַ זעהר פיינע געזעלשאַפט, וועלכע האָט אַ פּאָזיטיווע בעציהונג צו דער יודישער קולטור און קונסט.

דער דאָזיגער קליינער עולם האָט אין דער אַנוועזענהייט פון די אַרטיסטען זיך געפיהלט היימיש און פרעהליך. ס'האָט געהערשט א האַרציגע משפּחה-שטימונג, ביז — ביז מען איז אַרויפגעקומען אויף אַ שמועס וועגען יודישען טעאַטער און דער דערנער-וועג פון יודישען אַרטיסט. דאָ האָט זיך צופּלאַקערט א הייטע, אָבער זאַכליכע דיסקוסיע און ס'האָבען זיך געהערט ביטערע ווערטער, וואָס האָבען פערשאַפט

פ. בלומענקראַנץ.

טעאַטער-נאָטיצען.

.1

ווילנער אָפּערעטען-טרופּע.

פרישמאַן אין זיין שניידענדיגער קריטיק, אין זיינע צעשמעטערענדיגע אַרויסטרעטונגען געגען דער בטלנישער, מיט בית-המדרש-טעמאַטיק אדורכגעזאַפּטער העברעאישער ליטעראַטור, וועלכע האט געבראַכט מיט פּסוקים און חצי-פּסוקים לתפארת המליצה — האָט געפּלעגט זיך בענוצען מיט מראי-מקומות פון די איירָאָפּעאישע ליטעראַטורען.

וועלענדיג ווייזען ווי אַזוי מ'שרייבט ביי אַנדערע אימות העולם און ווי אַזוי מ'דאַרפט שרייבען ביי אונז, פלעגט ער אָנווייזען: כזה ראה וקדש. און געטייטעלט מיט'ן פינגער: זעה דאָסטאָיעווסקי, זעה טאָלסטאָי א. ז. וו.

פרישמאַן מיט זיינע אמת'ע כוונות און בייסיגקייט פלעגט אפילו טיילמאָל צוליב זיין ראַפינירטען געשמאַק איבערטרייבען די ווערטלאָזיגקייט פון דער פערשטיבעלטער ליטעראַטור און טועה זיין זיך אפילו בנוגע אמת'ע טאַלאַנטען. (כאַראַקטעריסטיש איז דער פאַקט, וואָס איז לעצטענס בערי'הרט געוואָרען אין „בדרך" דורך א. י. שפּיבעל אין אַ פערטיידיגונגס-אַרטיקעל אין „דבר" פון א. שטיינמאַן וועגען פרישמאַנ'ס טעות אין בעצוג צום גרעסטען היינטצייטיגען רוסישען דיכטער פּאַסטערנאַק, וועלכען פרישמאַן האט מבטל געמאַכט כעפרא דארעא.)

אבער די שאַרפקייט פרישמאַנ'ס האט קודם-כל געגעבען דעם אָנרעג צו פערקוקען זיך אויף דעם ווערטפולען און שטרעבען דערצו. אמת, נישט יעדער דור גיט פון זיך אַרויס דאָסטאָיעווסקי'ס; נישט אין יעדען יאָהר אָדער יאָהר צענדלינג ערשיינען ווערק ווי „פאוסט". אבער דאס אָנגעבען זיך אַ חשבון, אַז עס דאַרפט אַנדערש זיין שטופּט ווייטער. דער בעסטער בעווייז די העברעאישע ליטעראַטור גופא — אַזאַלכע שעפער ווי: ביאַליק, בערדיטשעווסקי, טשערניכאָווסקי, שניאור א.א. ווייזען דאָך דעם קאָלאָסאַלען ריקפאַראויס פון דער זעלבער אויסגעלאַכטער פון פרישמאַנען ליטעראַטור.

* *

דעם דאָזיגען כלל פון נישט ענטציקט ווערען מיט זיך גופא (וואָס דאַרפט, אגב, זיין אַ געבאט פון יעדען יחיד) און נישט איינוויגען אַנ'אַנדערען מיט ליוב-געזאַנגען דאַרפט מען גאָר בעזונדערס געדענקען אויב ס'האַנדעלט זיך אין טעאַטער, וואָס איז היינט-צו-טאָג אַ פאָלקס-אינסטיטוציע און שטעלט מיט זיך פאָר אַנ'אַנשטאַלט מיט ערציהערישער בעדייטונג (אַזוי דאַרף עס עכ"פ זיין) פון דער ערשטער מדרגה.

מיר דאַרפען אפשר זיין רעאַלער ווי פרישמאַן, רעכענען זיך מיט די ווירקליכע מעגליכקייטען און נישט מאַכען קיין זשעסטען מיט מראי מקומות, ווי: זעה ריינהאַרדט, זעה „נאַראָדאָווי-טעאַטער" אז"וו. אבער מיר דאַרפען יעדענפאַל געדענקען אין די פיעל נישט-דערגרייכונגען פון אונזער ביהנע, מיר דאַרפען האָבען אין זינען, אַז עניגים עלעמענטאַרע אויף די סצענעס פון די אומות-העולם, ווי בעשיידענע דעקאָראַציע, ליכט-רעגולאַציע אדגל. פעהלען נאָך אונז.

אמת, אַנדערע טעאַטערען ווערען אויסגעהאַלטען אָדער סובסידירט דורך מלוכות און מוניציפּאַליטעטען; מיט טעאַטער אינטערעסירען זיך די מאַסגעבענדע קרייזען, בעת מיר מוזען דאס אַלץ אויסטראָגען אויף אונזערע פּלייצעס (נישט מיר אפילו, נאָר דער אַקטיאָר...)

אבער די דערפרעהענדע ערשיינונג, אַז מאַסען גראַהע, וואָס ביי אַנדערע פעלקער שיכור'ן, קומען אין יודישען טעאַטער, איז אונז מחייב צו טראַקטירען די דאָזיגע אינסטיטוציע מיט נאָך מעהר ערנסטקייט און אחריות. און ווען דער יודישער אַקטיאָר לאָזט זיך אַראָב צו דער מאַסע דאַרפט עס ביי איהם זיין אַ ירידה לצורך עליה. אמת, אַזוי ווי מ'קען נישט אָנהויבען לערנען ליטעראַטור אויף רילקעס ליריק, קען מען נישט דערציהען דעם פּשוט'ן עולם טעאַטראַליש אויף עקספּערימענטען און אינאָוואַציעס, אבער מ'דאַרפט דעם דאָזיגען ציעל האָבען יעדענפאַל אין פּערספּעקטיוו.

און צו דער דאָזיגער דערהויבונג מוז זיך די פּרעסע, די ערנסטע צובויגען און מיטהעלפען. דער בעסטער בעווייז פון איהר אויפגאַבע און בעדייטונג איז די יודישע פּרעסע אין אַמעריקאַ, אינ'ס לאַנד, וואו די נייערישטע יודישע טעאַטער-שמאַכנצעס ווערען געשאַפען. „דער ניוואָ פון יוד. טעאַטער האט זיך אַ הויב געטהון — שרייבט יעקב מעסטעל (ליט. בלעטער נר. 558). און דאָ — זאָגט ער ווייטער — האָט אַ סך געהאָלפען די טעאַטער-קריטיק פון לעצטען סעזאָן: זי איז פּשוט געוואָרען „אומבערחמנותדיגער". האָט פערבויגען אַלע איהרע בעצאָהלטע אַנאָנסען און אַ גרויסען טייל „חזקה" פון איהרע פּראָטעזשערס, הקצור: זי האָט גענומען מעהר פאָדערען, אַרויסווייזען אַ סך מעהר אויפמערקזאַמקייט דער בעסערער פאָרשטעלונג — און דער טעאַטער האט געמוזט זיך אונטערגעבען".

אָט, וואָס ערנסטקייט איז גורם!

* *

די גאַנצע, אפשר עטוואָס צו לאַנגע הקדמה, איז געמאַכט געוואָרען צו פערשטעהן אונזער שטעלונג צו דער ווילנער אָפּערעטען-טרופּע. די דאָזיגע טרופּע האָט אַ שטאַרקען חוש פאַר פאָלקסטימליכקייט, בעזיצט אַנ'ערנסטע בעציהונג צום טעאַטער, פערמאָגט עטליכע זעהר האַרציגע שפּילער און זינגער. אבער מיר פערלאַנגען פון איהרע, זעהר סימפּאַטישע אַקטיאָרען מעהר. בעריקזיכטענדיג שוין די פאַטאַלע בעדינגונגען פון יוד. אַקטיאָר, די אויסערסט שוועריע סצענישע מעגליכקייטען (אין טעכנישען זין) א. ז. וו., ווילען מיר דאָך פון דער דאָזיגער טרופּע, וועלכע איז געוואָרען ביי אונז אין שטאָדט די בעליעבטסטע און אָמגערנסטען געזעהענע און געהט לעצטענס אויפ'ן וועג פון אָפּערעטע אויפפיהרונגען, אַז זי זאָל שטרעבען צו וואָס אַ סובטעלערען טראַקטירען פון מאַטעריאַל (מעסטעל'ס אויסדרוק בנוגע יוד. טעאַטער אין אַמעריקאַ), קאָמפּלעטירען דעם אַנסאַמבל לויט די פאָדערונגען פון אַנ'אָפּערעטען-טרופּע, מעהר אַכט לעגען אויף דער אויסשטאַטונג, וואָס איז אַ קאַרדינאַלער בעדינג אין אַנ'אָפּערעטע און ממילא מיטהעלפען אַזוי אַרום צו פערפיינערן דעם געשמאַק פון יודישען סתם-עולם און געווינען דעם בעסערען טעאַטער-בעזוכער פאַר דער יוד. אָפּערעטע.

די נישט-דורכשניטליכע סימפּאַטיע פון עולם (יעדענפאַלס פון היגען) פון איין זייט און די פאָלקסטימליכע ליניע, וועלכע די טרופּע האט זיך אָנגעצייכענט — פון דער צווייטער זייט, לייגט אויף איהר אַרויף ז'עם חוב פון שטרעבען נישט צו וואולגאַריזירען די מאַסע, נור דורך געלייטערטער פאָלקסטימליכקייט, זויבערע אויפפיהרונגען, ערנסטער טראַקטירונג און עסטעטישער צוגאַנג צו דערהויבען דעם סתם עולם, צו פיהרען איהם ווייטער, וואָרום ערפאָלג איז מחייב!

2.

שטאָדט-טעאַטער. „דאס טויבען-האַרץ" קאָמעדיע (?) אין 3 אַקטען פון דזשאָן גאַלסוואָרטי. רעזשי און אינסצעניזאַציע א. גאָל.

דער שעפער פון דער גרויסער ענגלישער עפּאָפּעע וועגען די פאָרסיטען האט אָנגעשריבען אַ שטיק, אין וועלכען ער שטעלט פאָר אַ קינסטלער, אַן אידעאַלען, אַנ'אויסטערליש גוטינקען אויפ'ן הינטערגרונד פון אַנ'אַנדערער סביבה.

אבער טראָץ דער גרויסקייט פון מחבר מוזען מיר זאָגען, אַז אין דער דאָזיגער זאַך זאָגט ער אונז גאַרנישט און מיר ווערען לגמרי גאַרנישט געוואויר.

אבסטראַהירענדיג דערפון, אַז דער הויפּט העלד אַלס טיפּ נישט רעאַלער (יעדענפאַלס דוכט זיך אונז אַזוי) איבערצייגט ער נישט און סטימולירט נישט מיט זיין איידעלקייט, איז די גאַנצע פּיעסע נישט געבויט סצעניש. ס'איז לגמרי נישטאָ קיין דינאַמיק. עס פעהלט טעמפּאָ, בעזיצט נישט קיין אַקציע-שטייגערונג, אַזוי, אַז זי מאַטערט פּשוט.

מיר זעהען דאָרט עטליכע טיפּען וואָס שטרעבען צו פערבעסערען די געזעלשאַפטליכע פערהעלטנישען. אבער אַלע טיפּען: דער פּראָפעסאָר, דער פּאַסטאָר און ריכטער זענען אַזוי פערנעפּעלט און נישט קלאָר פאָרגעשטעלט, אַז מיר ווייסען באמת נישט וואָס זיי ווילען.

דער מחבר שטעלט אונז אויך פאַר דריי אָרימעלייט: אַ וואַגאַבונד, אַ בלומען-פערקויפערין און פורמאַן. אבער מיר בעקענען נישט די מענשען. זיי ווערען נישט קלאָר אָהערגעשטעלט דורכ'ן אויטאָר (אויסער דער ערשטער) נאָך עפּיס:

דרשות אויף דער סצענע זענען נאָך אַמאָל ערטרעגליך, ווען זיי פליסען אַרויס פון דער אַקציע. אבער טיראַדעס סתם לשם מוסר-זאָגען איבערצייגען אונז נישט און רופען גאָר אַרויס אַ פערקעהרטע פּעולה: די ענגלענדער זענען אפשר געדולדיג דערצו. ביי אונז צ. ב. בעת שאו'ס העלד שטעלט זיך אַנידער פערטייטשען דאס שטיק, לאַנגווייליגט ער...

דער כלומר'שט קאָמפּליצירטער וואַגאַבונד זאָגט אונז אויך גאָר קיין נייעס. דאס בעשטראָפען דעם נישט דערגאַנגענעם זעלבסטמערדער, הגם די געזעלשאַפט פערלאַנגט גאַרנישט, אַז דער דאָזיגער אומנוצליכער מענש זאָל לעבען — אָט דער „בליץ" פערבליפט נישט, וואָרום מיר זעהען עס גאַנץ אָפט. דאס בעשטראָפען אַ נישט-דערגאַנגענעם זעלבסטמערדער פאַר שטערען די עפענטליכע רוה איז ביי אונז אַ געוועהנליכע ערשיינונג און איבערראַשט נישט מיט זיין אויסטערלישקייט.

* *

די עטליכע ווערטער ווייזען שוין, אַז דער אויסוואַהל איז נישט געווען קיין לעילא'דיגער. צו בעעהרען 25 יאָהר טעטיגקייט פון אַנ'אַקטיאָר דאַרף געגעבען ווערען אַ פאָרשטעלונג דורך וועלכער מ'קען אין אַ געוויסער מאָס פער'סך-הכל'ען די קינסטלערישע מעגליכקייטען פון געגעבענעם אַקטיאָר, וואו דער יובילאַט קען אַרויסווייזען כמעט אַלע גאַמען פון זיין טאַלענט.

די דאָזיגע אויפפיהרונג גיט נישט מאַלינאָווסקי'ן די דערמאָנטע, אַקאָרשט מעגליכקייטען. מ'זעהט איהם נישט אין זיין גאַנצען פערנעהם. מיר ווילען זיך דערלויבען אפילו צו זאָגען, אַז אין „ענטדעקונג", אָדער אפילו אין „סיגנאַלען", צי גאָר אין אַנדערע קלענערע ראָלען (אין „פרוי און איהר טיראַן") האט מאַלינאָווסקי אַרויסגעוויזען מעהר שוישפּילערישען טאַלענט (אגב אויסגעצייכענט זיך און פעלד צו אַרבייט האט געהאַט נור טאַקאַרסקי, וועלכער האט ווייטער נישט ענטוישט).

בכלל איז די פּיעסע אינסצעניזירט און רעזשיסירט געוואָרען מיט'ן כיוון צו שאַפען שטימונג (און צו דעם ציעל רעדען אַלע אַזוי שטיל, אַז מ'הערט זי נישט אפילו אין די ערשטע רייהען...) אבער ס'לונגט נישט. מ'שטרענגט זיך אָן, מ'זוכט עפּיס און מ'געפינט נישט.

אַ שאָד! די זאָרגפעלטיגע רעזשי, איינפאַלערישע אויסשטאַטונג און זעהר פיין אדורכגעטראַכטע ליכט-עפעקטען, אָט די אַלע רעזשיסערישע אָנשטרענגונגען האָבען אָנגעטראָפען אויף אַ האַמעטנעם באָדען.

און אַרויסגעהענדיג פון טעאַטער האָבען מיר טאַקי געהערט ווי אַ צושויערין האט זיך געוואָנדען צו איהר בעגלייטער מיט אַ פערמאַטערט קול:

כ'האָב ליעב דראַמען, אבער דאס איז צו שווער און צו מאַטערענדיג.

דער דאָזיגער „וואָקס פּאָפּולי" איז לגמרי בערעכטיגט. און דערצו מוז מען צוגעבען, אַז מען בעקומט נישט קיין שום רעקאָמפּענסאַטע, אַזוי צו זאָגען פאַר דער שווערקייט, וואָרום מ'געהט אַרויס פון טעאַטער מיט דער זעלבער חכמה, מיט וועלכער מ'איז אַריינגעגאַנגען...

וועהטאָג די אָנוועזענדע, אַזוי, אַז אַ לענגערע צייט האט מען זיך געפינען אונטער דער דאָזיגער שטימונג. באַלד אבער זענען געקומען ווערטער פון אויפמונטערונג און טרייסט און די שטימונג איז געוואָרען אַ פרעהליכע. יוסף חאַש האט געזינגען אויף די פּליטען פון אַ פּאַטעפאָן, נחמה האט געזינגען אויף אַנ'אמת און די געסט צוזאַמען מיט אַלע אַרטיסטען האָבען אויך מעהר געזינגען ווי געגעסען.

יאָ, נאָך אַ נייעס איז געשעהן. אויף דעם דאָזיגען גלעזיל טהעע איז געגרינדעט געוואָרען אַ גרופּע א. נ. „פריינד פון ייוואָ", וועלכע וועט האָבען די אויפגאַבע צו פלעגען די יודישע קולטור און קונסט. מיט איין וואָרט אויפ'ן דאָזיגען גלעזיל טהעע מיט די האַרציגע יאַטען פון דער ווילנער אָפּערעטען-טרופּע איז געווען באמת האַרציג און פרעהליך.

פאָהן-פייערונגען.

נישט אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ, הויב איהם העכער, קוק אויף דיין פאָהן, וועלכער איז דיין סימבאָל, וועלכער פיהרט דיך.. אבער צו וואָס די הויכע פּאַטעטישע ווערטער? דאס פּאַסט פאַר די יעניגע, וועלכע פאַלען אַריין אין התלהבות בעת זיי קומען בעגריסען אויף אַ פאָהן-פייערונג.

קודם כל האָבען געפייערט די טרעגער. טרעגער? פערהאַנען דרייערליי טרעגער, כ'מיין אַזאַלכע, וועלכע געפינען זיך אין דריי פערשידענע פּאָליטישע גרופּירונגען. די ערשטע קאַטעגאָריע זענען טריי געבליבען די „אומאָבהענגיגע", די צווייטע איז אַ בונדישע גרופּע, און לעצטענס איז געלונגען אויך די רעכטע פּועלי ציון אָבצורייסען אַ גרופּע טרעגער, צוזאָגענדיג זיי סערטיפיקאַטען קיין ארץ-ישראל.

די אַלע דאָזיגע גרופּען האָבען מסתמא פּעהנער, וועלכע זיי ווילען נישט אָוועקגעבען. האָט די נייע גרופּע ביי די רעכטע פּ. צ. אויך בעשלאָסען צו מאַכען אַ פאָהן, און שבת אָוועגד איז מיט פייערליכען התלהבות געפייערט געוואָרען די פאָהן-ענטהילונג פון די טראַנספּאָרט-אַרבייטער.

איך האָב אייך נאָך געוואָלט דערצעהלען וועגען אַ גראַנדיעזער פאָהן-פייערונג פון מעטאַל-צעך, וואָס איז פאַרגעקומען דעם היינטיגען זונטאָג אין האַנדווערקער-זאַל, מיט דער גאַנצער פּאָמפּע, מיט אַ באַנקעט, מיט...

זאָג איך אייך רבותי, אַז נישט קוקענדיג אויף דעם היינטיגען קריזיס, וואָלט נישט געשאַדט צו האָבען אַזעלכע באַנקעטען כאָטש אַ יעדע צוויי וואָכען, איבערהויפּט, אַז בראָנפען איז געוואָרען ביליגער, וואָס איז געווען קענטיג אויפ'ן באַנקעט... אבער נישקשה, ס'איז געווען אַ זעהר פרעהליכער און איינגעגעבענער באַנקעט.

אַלזוי, צו די רייהע פאָהנען, וועלכע געפינען זיך שוין ביי די האַנדווערקער, איז צוגעקומען נאָך אַ פאָהן פון שטאָל, אייזען, פון מעטאַל-צעך.

איך בין נישט צופרידען מיט'ן אורטייל...

פערשפּיעלט מען אין דער ערשטער אינסטאַנץ, קען מען אַפּעלירען אין דער צווייטער און זאָגאַר אין דער דריטער. ביי אַ באָקס-מעטש איז אבער נישט פערהאַנען קיין אַפּעלאַציע, טאָמער גיט דער סענדזיע אַרויס אַנ'אורטייל אין פערפאַלען, קען מען מעהר נישט אַפּעלירען. דאס פּובליקום מעג טאַקע פּייפען, שרייען: „סענדזיאַ קאַלאַש", עס העלפט אבער ווי אַ טויטען באַנקעס.

זיץ איך אַזוי אויף אַ באָקס-מעטש, זעה ווי די חברה רייבען די מאָרדעס און איך בין איבערצייגט — און נישט בלויז איך בין איבערצייגט, נאָר אַלע זענען איבערצייגט — אַז זאָל מען זאָגען כליוונער אָדער כוואַט האט געוואונען, און פּלוצים ווערט אַרויסגעטראָגען דער אורטייל: רעמי אָדער גאָר, אַז דער געגנער האָט געווינען, ווער איך אַ פערציטערטער און הויב אָן פּראָטעסטירען.

מעגליך, אַז דער ריכטער האט רעכט און איך טהו איהם בחנם חושד זיין און מה יפית, אבער פערפאַלען, כ'קען נישט אַנדערש, איך בין נישט צופרידען מיט'ן אורטייל...

מלחמה-שטימונג...

שרעקט אייך נישט, רבותי, די מלחמה-שטימונג איז נישט ביי די מלוכות. נאָר ביי די געוועזענע יודישע מיליטער-לייט. וועלכע האָבען געקעמפט פאַר פּוילענס בעפרייאונג און זענען אָרגאַניזירט אין אַ פעראיין וואָס רופט זיך „זשוב" אבער ווי זיי רופען זיך קאָמבאַטאַנטען.

דאָרט אין דעם פעראיין זענען פערהאַנען „גענעראַלען", כ'מיין אַזעלכע, וואָס זענען געווען אין מיליטער אָפיצירען, סערזשאַנטען, און פערהאַנען שערעגאָווצעס. אין דער פערוואַלטונג ווילען אבער זיין בלויז גענעראַלען. קומען צו געהן די פּראָסטע (געוועזענע) סאָלדאַטען און זאָגען: מיר ווילען זיצען אין דער פערוואַלטונג. הקיצור, אויף דער אַלגעמיינער פערזאַמלונג, וואָס איז פאָרגעקומען די וואָך האט געדונערט פון רעדעס און געבליצט פון פייערדיגע ווערטלעך, און נישט קוקענדיג וואָס די חברה זענען אָנגעזעסען ביז שפּעט אין דער נאַכט, האט מען קיין פערוואַלטונג נישט אויסגעוועהלט, דאס הייסט מען האט יאָ געוועהלט, נאָר די געוועהלטע ווילען די מאַנדאַטען נישט אָננעמען און עס איז דעריבער געווען אַ רחמנות אויפ'ן פאָרזיצענדען פון דער פערזאַמלונג ה' ב. קורלאַנד, וועלכער האָט ביי זיין גאַנצער מוסטערהאַפטער פאָרזיצעריי נישט געקאָנט די חברה איבערצייגען.

הערשט ביים קאָמבאַטאַנטען-פראָנט די אמת'ע מלחמה-שטימונג...

ביטערע פּאָמעראַנצען...

אין דער אויבסט-בראַנזשע פערנעמען דעם אויבענאַן פון אַלע פּירות — די פּאָמעראַנצען. עס איז היינט אַ ריעזען-שמחה און נישט בלויז פרוכטען-סוחרים האַנדלען דערמיט, נאָר אויך געוועזענע בייגעל-הענדלער, גאַלאַנטעריע-סוחרים און אַלע, וועלכע האָבען נישט מעהר מיט עפּיס אַנדערש צו האַנדלען.

5 פאַר אַ גילדען, 6 פאַר אַ גילדען און מענשען קויפען, שיילען אָב און עסען אפילו אין מיטען גאַס, וואָרום וויפיעל קאָסט דען, אימשטיינס געזאָגט, אַ פּאָמעראַנצ'ל? עסט מען.

פערהאַן אבער פערשידענאַרטיגע פּאָמעראַנצען. פערהאַן שפּאַנישע פּאָמעראַנצען, יפו'ער פּאָמעראַנצען און אויך איטאַליענישע. פערהאַן אויך פּאָמעראַנצען מיט קערלעך און אָהן קערלעך; קיינער ווייסט אבער נישט, אַז עס זענען אויך פערהאַן ביטערע פּאָמעראַנצען. אבער זיי זענען נישט ביטער פאַר די, וועלכע עסען זיי, נאָר פאַר די, וועלכע פערקויפען זיי, וואָרום אויך פערקויפער זענען פערהאַן אַלערליי: פערהאַן גרויסע סוחרים און אויך אַזעלכע, וועלכע זענען „אויך מיר סוחרים".

ווי בעוואוסט שטעהען אין גאַס „סוחרים" מיט וועגעלעך און מיט קאַשיקעס פּאָמעראַנצען. אַ סך פון זיי האָבען מסתמא נישט קיין פּאַטענטען, ווערען זיי דאָך נאַטירליך פערפאָלגט פון די אָרדנונגס-היטער, שטעהען זיי אין איין ציטערניש, דערזעהען זיי אַ „שמירער", כאַפּען זיי די קראָם און ענטלויפען, אבער נישט אַלע מאָל געלונגט עס זיי, אַמאָל כאַפּט מען זיי, די דאָזיגע פערברעכער און מען גיט זיי איבער מיט זייער „גנבה" אין די הענד פון דער גערעכטיגקייט.

ווען איהר זעהט אַזאַ איינעם מיט אַ קויש פּאָמעראַנצען און פון הינטען געהט אַ פּאָליציאַנט, זאָלט איהר וויסען, אַז דאס זענען נישט קיין שפּאַנישע, יפו'ער אָדער איטאַליענישע פּאָמעראַנצען, מיט קערלעך אָדער אָהן קערלעך, זויערע אָדער זיסע, נאָר זייט וויסען, אַז דאס זענען — ביטערע פּאָמעראַנצען...

אָט וואָס עס האָט זיך אַרויסגעוויזען...

זענען געקומען עטליכע יודען און האָבען פאַרגעוואָרפען, באשר צווישען די פּאַטענטען, וואָס נעמען פּראָדוקטען אין „תומכי עניים" געפינען זיך אַ סך פּראָפעסיאָנעלע שנאָרער, איז זיך צוזאַמענגעקומען די פערוואַלטונג פון „תומכי עניים" און האט אַדורכגעקוקט די גאַנצע ליסטע, אַדורכגעזופט יעדען איינעם און אָט וואָס עס האָט זיך אַרויסגעוויזען: אַז פון איבער דריי הונדערט פּאַטענטען, זענען סך-הכל פערהאַן. דריי — צעהל ד ר יי, וועלכע זענען אמת נישט קיין הונדערט-פּראָצענטיגע שנאָרער, נאָר זיי לעבען אויך פון נדבות.

דערפאַר אבער געפינען זיך צווישען אָט די איבריגע 300 פּאַטענטען אַזעלכע, וועלכע האָבען אַמאָל געהאַט אייגענע הייזער, בעלי-בתים געווען און היינט מוזען זיי אָנקומען נאָך קצבה, סוחרים, קליינהענדלער, האַנדווערקער, אָט פון די אַלע רעקרוטירט זיך די מחנה, וואָס געניסט פון די „תומכי-עניים"-פּראָדוקטען.

מען האָט דאס גאַרנישט געוואוסט, נאָר ווען מען איז געגאַנגען קאָנטראָלירען, האָט זיך אָט דער סך-הכל אַרויסגעוויזען...

לויתן

ווילנער נייעס.

גרויסע דעפרווידאציע פון באנק-בעאמטען ווארובעל פאר'ן געריכט.

א געוואלדיגען אינטערעס האט ארויסגערופען דער פראצעס פון געוועזענעם לייטער און בוכהאלטער פון פאוויאטאווי באנק ספולדזיעלטשי סטעפאן ווארובעל, וועלכער איז בעשולדיגט אין דעפרוידירען א סומע פון 60.726.98 זלאטעס.

די דעפרווידאציע שטעלט זיך פאר אויף פאלגענדען אופן: ווארובעל, וועלכער האט געארבייט אין דער באנק פון יאהר 1927 ביז 1932 און האט געהאט געוואונען פולשטענדיגען צוטרוי מצד דער פערוואלטונג און אויפזיכטס-ראט, האט זיך געהאט פערגלוסט צו ווערען פאבריקאנט פון אקערבוי-מאשינען. צו דעם צוועק האט ער געקויפט א פלאץ אויף דער טוראווער גאס פאר 14.000 זל. און אויפגעשטעלט א פאבריקס-געביידע מיט זעמטליכע מכשירים, ווי אויך א וואוינונגס הויז, וואס האט אריינגעכאפט א סומע ביז 80.000 זל., נישט האבענדיג קיין געלד מעהר, ווי ער אליין האט אויפגעגעבען, א נדן פון 1000 דאלאר.

דער מאנגעל אין געלד האט איהם געפיהרט צו מאכען שווינדלערייען אין דער באנק אין דער פארם פון פאלשע קאנטא'ס, וועלכע זענען געשטיגען אין די לעגענדארע ציפערען פון 500 פאלשע קאנטעס. די פאלשע קאנטעס האט ער געפיהרט מוסטערהאפט, מיט פאלשע וועקסלען, געפעלשטע אונטערשריפטען פון אויסשטעלער און פון זשיראנטען און אזוי האט ער געדרעהט א ראד מיט 500 קאנטעס, צאהלענדיג ווען די וועקסלען זענען פעליג געווארען און ווידער גענומען. אזוי האט זיך געדרעהט דאס גרויסע רעדעל ביז גרודזיען 1932. ווען דער געהילפס-בוכהאלטער דאמיגיאק האט עפיס בעמערקט און צוגעטראגען דער פערוואלטונג און ס'איז בעשטימט געווארען דורכ'ן ראט און דער פערוואלטונג אדורכצופיהרען א גענעראל-רעוויזיע דעם 30 גרודזיען.

אבער שוין דעם 27 גרודזיען איז פארגעקומען אין דער באנק עפיס אויסערגעוועהנליכעס: ווען דער קאסירער קאוועצקי מיט די איבריגע בעאמטע זענען געקומען אין דער באנק אריין, האבען זיי דארט אנגעטראפען אנ'ערביביה; די דעקאראציעס, ביכער און פערשידענע דאקומענטען פערניכטעט און פערברענט, די אייזערנע קאסע אפען, פון וועלכער עס האט געפעהלט א קליינע סומע געלד און 60 גאלד-מארקען.

די פערוואלטונג און ראט, בעטראכטענדיג די אריגינעלע גנבה און דאס פערברענען די ביכער און דאקומענטען האט נישט געדארפט קיין סך קלערען ווער עס איז דער מאכער דערפון, איבערהויפט ווען פון הויפט בוך, וואס איז געבליבען אונבעשעדיגט, האבען זיך ארויסגעוויזען די בעגאנגענע שווינדלערייען און די פערוואלטונג האט געגעבען ווארובעל'ן 2 וואכען צייט צוריקצושטעלען די דעפרווידירטע סומע. אבער אזוי ווי ער האט עס נישט געקענט בעווייזען, ווייל דאס פערמעגען זיינס איז געווען פערשטעלט דורך די בעלי-חובות, האט איהם די באנק-פערוואלטונג געלאזט ארעסטירען.

דער משפט איז פארגעקומען מיט אייניגע חדשים צוריק פאר'ן קאלישער קרייז-געריכט אין ווילנע, נאר צוליעב דער גרויסקייט פון דער דעפרווידאציע איז דאס משפט געווארען אבגעלעגט פאר א גרעסערען ריכטער-קאמפלעט.

דעם 25 לוטי זענען פארגעקומען די פערהאנדלונגען פאר א ריכטער-קאמפלעט פון 3 פערזאן אונטער'ן פארזיץ פון ריכטער בעלא פון קאליש. דער אנגעקלאגטער האט געגעבען אנ'אויספיהרליכע ערקלערונג, וועלכע האט געדויערט 2 שעה, ווארפענדיג די שולד אויפ'ן ראט און פערוואלטונג, אז זיי האבען געוואוסט פון אלע פיקטיווע קאנטעס, וועלכע זענען נויטיג געווען, כדי ארויסצוווויקלען זיך פון די גרויסע פערלוסטען, וועלכע די באנק האט געהאט. די ערקלערונג האט געמאכט א גוטען איינדרוק אויף אלע צוהערער וועלכע האבען ארויסגעטראגען די מיינונג, אז ער איז גאט די נשמה שולדיג.

ערשט די פערהאנדלונגען, וועלכע זענען געווארען פארטגעזעצט דעם 4 מערץ האבען געענדערט די לאגע צום אונגינסטען פון אנגעקלאגטען. אלע ארויסגערופענע עדות פון דער פערוואלטונג און ראט, ווי: אדוו. פרזעפעלען, שווידערסקי, ראגאצקי, קאלאנעק, וואלסקי א. א. האבען ערקלערט, אז דאס אלץ, וואס דער בעשולדיגטער האט געזאגט שטימט נישט מיט דער ווירקליכקייט, אויך אויף די פראגען, וואס דער ריכטער האט געשטעלט האט ער קיין קלארע תשובה נישט געקענט געבען, אויסער דעם האט דאס עדות זאגען פון עקספערט, וועלכער האט אדורכגעפיהרט א קאנטראל אין די ביכער שטארק בעלאסטעט דעם בעשולדיגטען.

נאכ'ן אויסהערען די רעדע פון פראקוראר און פון ציוויל-מאהנער פון דער באנק איז נאכ'ן אויסהערען די פערטיידיגונגס-רעדע פון אדוואקאט לעוואקאוויטש, האט דאס געריכט, טראץ די גלענצענדע פערטיידיגונג פון אדוואקאט לעוואקאוויטש, ארויסגעטראגען דעם הארבען אורטייל, לויט וועלכען ווארובעל ווערט פער'משפ'ט אויף 3 יאהר תפיסה (אראברעכענענדיג דעם פרעווענץ-ארעסט פון 6 חדשים) צו פערלירען אויף 3 יאהר די בירגער-רעכט, צו בעצאהלען געריכטס-קאסטען און צוריקצוקערען די דעפרווידירטע סומע פון 60.726.98 זלאטעס.

אויפ'ן פערלאנג פון פראקוראר איז דער פער'משפט'ער באלד ארעסטירט און אבגעפיהרט געווארען אין תפיסה.

ארויסגעלאזט א ספר-תורה.

אין קליינעם גערער שטיבעל איז שבת בשעת הגבה ארויסגעלאזט געווארען דאס ספר אויף דער ערד.

צוליעב דעם געשעהעניש איז געווארען ערקלערט א תענות אין יום-כפור-קטן (דינסטאג ערב ראש-חודש) פאר אלע מתפללים פון דערמאנטען שטיבעל.

חיעלונער אנטייל אין דער ארץ-ישראל מכביאדע.

דעם קומענדיגען זונטאג פאהרען אב די צוויי לאנגיעהריגע ג' פערוו.-מיטגלידער פון היגען „מכבי" ה"ה דוד שאיא און יהודה שאיא צו דער צווייטער מכביאדע, וועלכע עפענט זיך דעם 2-טען אפריל אין תל-אביב.

די אבפאהרענדע האבען גרויסע פערדינסטען פאר'ן היגען „מכבי" לייטענדיג איבערגעבען פאר זיין דערהאלטונג און ענטוויקלונג זייט די ענטשטעהונג פון פעראיין, זייענדיג גלייכפאלס פון די טיכטיגסטע און אויסגעצייכנעטע ספארטלער, בפרט דער ערשטער, וועלכער האט בעקומען פיעל אויסצייכנונגען.

פון קרייז-געריכט.

אין דארף דאליכאוו, גמינע רודניקי, האבען פויערים בעמערקט ווי דער 40-יעהריגער ישראל גאדלעוויטש פון קרזעפיץ געהט ארויס פון פויער יוזעף ווילק מיט אנ'אנגעפולטען זאק. חושד זייענדיג איהם, אז ער האט ווילק'ן בע'גנב'עט, האבען זיי צו-וויסען געטהון די ווילקעס, וועלכע האבען דעם יוד נאכגעיאגט און איהם געשלאגען מכות רצח, צוברעכענדיג איהם דערביי א פוס.

די אנגעקומענע פאליציי האט דעם געשלאגענעם נאך ארעסטירט אלס גנב און איינגעזעצט די תפיסה.

דינסטאג איז פארגעקומען דער משפט פאר'ן קרייז-געריכט אויף זיין סעסיע אין ווילנע. דער בעשולדיגטער האט זיך פערטיידיגט, דאס ער האט די געפונענע אין זאק פעדערן און א פאר שיך געקויפט, דאס געריכט האט אבער זיין ערקלערונג נישט גענומען אין אכט, ווייל גאדלעוויטש איז שוין געווען 6 מאל בעשטראפט און איהם פער'משפ'ט אויף 2 יאהר תפיסה.

טשענסטאכאווער נייעס.

די לעצטע געזעגנונגס-פארשטעלונגען פון דער ווילנער אפערעטען = טרופע.

(אנשטאט א געזעגנונגס-ווארט).

כ'בין זיך מודה, אז ס'קומט מיר נישט גרינג אן צו שרייבען דעם טעאטער-נאטיץ וועגען די אויפטריטען אין אונזער שטאדט פון דער ווילנער אפערעטען-טרופע, וועלכע זענען געווען געמישט מיט פרייד און לייד און סוף כל סוף זענען די ארטיסטען שטארק בע'עולה'ט געווארען נישט חס ושלום פון פובליקום, אדרבה, דער טשענסטאכאווער טעאטער-עולם האט ארויסגעוויזען אין גאנצע הונדערט פראצענט זיין צוגעבונדענקייט און טריישאפט דער דאזיגער טרופע און איבערגעפולט אין די מאסען אלע פארשטעלונגען. דאס איז טאקע געווען די פרייד, אויב ס'איז אבער געווען לייד איז עס געווען צוליב אנדערע טעמים און אט צוליב וואס:

ווי בעוואוסט איז אין טשענסטאכאוו נישט פערהאנען קיין זאל פאר יודיש טעאטער. מוז מען אנקומען צו די קינאס, וועלכע נוצען דאס אויס און הייסען זיך בעצאהלען אין טאג ארייין פון די יודישע טעאטער-טרופעס. אויך דעם זאל גיבען זיי אב ערשט 10 א זייגער אווענד.

קורץ, די טרופע, וועלכע האט געגעבען עטליכע פארשטעלונגען און געהאט גרויסע איינגאמען, האט זעהר ווייניג פערדינט; דערפאר אבער געהאט א סך עגמת נפש און וועהטאג מיט מחלוקת און פערביטערונג צווישען די טעאטער-בעזוכער.

נאך שבת פערלאזט די טרופע אויף א לענגערע צייט טשענסטאכאוו. און די לעצטע פארשטעלונגען גיבען זיי שוין נישט אין די קינאס נאר אין פייערלעשער-זאל, וואו ס'איז איינגעארדענט געווארען א שעהנע ביהנע מיט דעקאראציעס און דארט וועלען פארקומען די לעצטע געזעגנונגס-פארשטעלונגען פון דער אזוי הארציגער, ליבער טרופע.

זאל דער יודישער טעאטער-עולם ארויסווייזען אויף די לעצטע אויפטריטען די צוגעבינדענקייט און ליבע צו די הארציגע חברים פון דער ווילנער אפערעטען-טרופע, אויף וועלכען זיי האבען זיך באמת פערדינט.

אלזא, אויף א לענגערע צייט פאהרט די טרופע אוועק; אלע ווי איינער דארפען דעריבער אויסנוצען די געלעגענהייט און קומען זיך געזעגנען אין פייערלעשער-זאל פרייטאג און שבת מיט דער ליבער, הארציגער קדיש כאש-טרופע.

פ.

אלגעמיינע פערזאמלונג פון סניף „תורה ועבודה".

פערגאנגענעם מוצש"ק איז פארגעקומען די אלגעמיינע פערזאמלונג פון סניף „תורה ועבודה". די פערזאמלונג עפענט פרוי שווארצבוים, וועלכע שלאגט פאר אלס פארזיצענדען פון דער פערזאמלונג דעם ה' שמואל קאבלינץ, וואס ווערט איינשטימיג אנגענומען, אלס מזכיר ה' פענטשאק, אלס אסעסארען: ח' גאדט (צעירי מזרחי), סרעברניק, גרייצער (שומר-דתי), ש. גאלדשטיין, ח. וועקסלער (מזרחי), כאראזעווסקי (בעל-מלאכה דתי).

דעם טעטיגקייטס-בעריכט גיט אב ח' ווארגאן. איבער דעם בעריכט ענטוויקעלט זיך א לעבהאפטע דיסקוסיע, אין וועלכער עס בעטייליגען זיך די ח"ח יונגסטער, שטיינהארט, דאנציגער, קליינער, קאלין, שווארצבוים, ראזענבוים, וואלאדאווסקי, ווייצמאן א. א. דאן טרעט מען צו צום פונקט וואהלען וועלכע גיבען פאלגענדען רעזולטאט: יונגסטער ח. א., קאבלינץ ש., גרייצער. קאלין, ווארגאן, שטיינהארט, קליינער, ווייסמאן, שווארצבוים אסתר, שווארץ, ראזענבוים, אלס פערטרעטער: שטיינ-וועקסלער רחל, סרעברניק רחל, גאלד מ., פרידמאן ע., ווייצמאן י.

נאכ'ן אננעמען א רייהע פארשלאגען ווערט די פערזאמלונג מיט'ן געזאנג פון „התקוה" געשלאסען.

דער ועד האט זיך קאנסטיטואירט אויף פאלגענדען אופן: יונגסטער—יו"ר, ווייסמאן—סגן, גרייצער—מזכיר, שטיינהארט—גזבר, קאלין—מורשה לתרבות, ווארגאן—להסתדרות, ראזענבוים—לקרנות און שווארץ—קק"ל.

זונטאג פ' ויקרא האלב 9 אווענד קומט פאר א קאלעקטיווער רעפעראט פון אלע חברי-הועד א. ד. ט.: „די ארבייט אויף דער צוקונפט". אלע חברים ווערען אויפגעפאדערט צו קומען פונקטליך.

אלגעמיינע פערזאמלונג פון בלעכער און גלעזער-צעך.

פוריגע וואך איז פארגעקומען די יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג פון בלעכער און גלעזער-צעך.

אלס פארזיצער איז אויסגעוועהלט געווארען ה' שווארצבוים. סעקרעטאר א. וויענער.

דעם בעריכט גיט אב סטארשי ה' בלום.

דער בודזשעט אייף דער סומע פון 300 זל. ווערט בעשטעטיגט.

אלס סטארשי ווערט געוועהלט ה' מענדיל בלום. פארסטארשים: פריימאן, שאכער און פיעכאטע. אין דער פערוואלטונג: א. ווארשאווסקי, באמס, ווינדמאן און שלימער.

דר. ל. האהמאן (אלמוני) אין טשענסטאכאוו.

עס ווילט ביי אונז דער בעקאנטער העברעאישער זשורנאליסט און רעדנער, אקטיווער ציוניסטישער טהוער פון ארץ-ישראל דר. ל. האהמאן (אלמוני), וועלכער קומט נישט לאנג פון א זשורנאליסטען-רייזע איבער ראטן-פערבאנד און מאכט איצט א רייזע איבער פוילען, כדי צו בעקענען זיך מיט'ן יודישען געזעלשאפטליכען און פאליטישען לעבען.

שבת, דעם 9.3 האלב 9 אווענד וועט דער חשוב'ער גאסט האלטען א רעפעראט אין לאקאל פון „מזרחי", אלעע 10, א. ד. ט.: „ארץ ישראל אין ליכט און אין שאטען".

פון קרן תל-חי.

אויף דער לעצטער רעוויזיאניסטישער וועלט-קאנפערענץ איז בעשלאסען געווארען צו אנערקענען דעם קרן תל-חי אל'ס צענטראלען און איינציגען שטאטס-פאנד, ווי אויך צו פראקלאמירען דעם חודש אדר אלס גיוס און מאביליזאציע-חודש פאר קרן תל-חי.

אין חודש אדר ווערט דעריבער נישט אדורכגעפיהרט קיין שום רעוויזיאניסטישע אקציע. יעדער איינצעלנער רעוויזיאניסט שטעהט צו דער דיספאזיציע פון קרן תל-חי און פערנעמט זיך אויסשליסליך מיט דעם אדורכפיהרען זאמעל-אקציעס לטובת קרן תל-חי.

אויך ביי אונז אין שטאדט האט זיך שוין די אקציע אנגעהויבען און ווערט אדורכגעפיהרט אין דער פארם פון א הויז-זאמלונג.

עס איז צו האפען, אז די גאנצע טשענסטאכאווער יודישע בעפעלקערונג וועט זיך ווארים אברופען און שפענדען ענטשפרעכענדע סומעס.

דעם 16 מערץ דער „טאז"-באל.

די הכנות צום טראדיציאנעלען באל פון „טאז" זענען אין פולען גאנג. עס ווערען צוגעגרייט א רייהע אטראקציעס, וועלכע טשענסטאכאוו האט נאך נישט געזעהן.

עס זענען ארויסגעשיקט געווארען איינלאדונגען.

ווייטערע איינלאדונגען שיקט ארויס די „טאז"-קאנצעלאריע, ב. יאסעלעוויטשא 3.

איבערגעטראגען אין א נייעם לאקאל דעם ערשטען פאליציי-קאמיסאריאט

דער ערשטער פאליציי-קאמיסאריאט, וועלכער האט זיך געפונען אין משך פון לאנגע יאהרען אין הויז אלעע וואלנאשטשי 10, איז צוליב שפארזאמקייטס-טעמים איבערגעטראגען געווארען פון 1 ד. ח. אין דעם רעגירונגס-בנין אויף לובליניעצקא גאס, וואו עס געפינט זיך די פאוויאטאווע פאליציי-קאמענדע.

נדבות פאר „תומכי עניים".

ה' א. בארזיקאווסקי 20 קילא ברויט.

ה' נ. ראזענבוים 5 קילא ברויט.

רעפרעזענטאציע-באל פון „מכבי".

שבת, דעם 9-טען מערץ קומט-פאר אין די „מכבי"-זאלען דער רעפרעזענטאנץ-באל פון „מכבי". דער באל וועט זיין איינער פון די אינטערעסאנטסטע אין היי-יעהריגען סעזאן. די, וועלכע זענען פאראיאהרען אנוועזענד געוועזען אויפ'ן באל, געדענקען גוט ווי זיי האבען פערברענגט די צייט. די זעלבע ווירטשאפטלער ערפולען אויך היי-יאהר זייער חוב לגבי דעם „מכבי".

עס איז כדאי צו בעמערקען, אז די הכנסה פון באל איז בעשטימט אויף צו בויען — אין צוזאמענהאנג מיט'ן 20-יעהריגען יובילעאום — א לויף-פלאץ.

אלע, וואס ווילען זיין אויפ'ן באל און האבען צוליב פערשידענע סבות קיין איינלאדונגען נישט בעקומען, קאנען זיך מעלדען אין סעקרעטאריאט, ווייל אהנע איינלאדונגען וועט נישט אריינגעלאזט ווערען.

לעצטע פארלעזונג פון זרבבל'ן אין פוילען.

שבת, דעם 9 מערץ ד. ח. 11 פריה קומט פאר אין קינא „אטלאנטיק" א פארלעזונג פון בעקאנטען ארבייטער-טהוער און גלענצענדען רעדנער זרבבל א.ד.ט. „פאלעסטינע 1904—1934".

די פארלעזונג זאגט-צו צו זיין זעהר אינטערעסאנט מחמת דעם, וואס זרבבל איז ערשט לעצטענס צוריקגעקומען פון א לענגערער רייזע איבער פאלעסטינע. דער רעדנער וועט לויט זיי טעזען בעריהרען אלע פראגען, וועלכע וועלען פעראינטערעסירען אלע שאטירונגען פון יודישען פאלק.

קאמוניקאט פון י. ג. פ. ל.

פרייטאג, דעם 8 מערץ 9 א זייגער אווענד קומט פאר אין לאקאל פון דער געזעלשאפט (אלעע וואלנאשטשי 2) א ליטעראַרישער פערוויילונגס-אווענד מיט דער בעטייליגונג פון דראמאטישען-קרייז ביי דער געזעלשאפט א.נ. „מיר הויבען אן". אין פראגראם: 1) לעבעדיגע צייטונג, 2) אויפטריט פון דראמ. קרייז.

עספעראנטיסטען געזעלשאפט א. נ. פון ד"ר ל. זאמענהאף.

שבת, דעם 9-טען מערץ, 9 אווענד קומט-פאר אין לאקאל פון דער י.ג.פ.ל. (אלעע וואלנאשטשי 2) אנ'אלגעמיינע פערזאמלונג. אלע, וואס האבען א אינטערעס פאר עספעראנטא קענען אנטייל-נעמען אין דער פערזאמלונג.

אין קורצען ווערען געעפענט ווייטערדיגע אבטיילונגען ביי די עקזיסטירענדע פאכמענישע קורסען פאר עולים נאך ארץ-ישראל.

1) מויער-אבטיילונג נעמט ארום פאלגענדע פאכען: א) האנדוועקער: מוראזש, בוי-בעטאן און אייזען-בעטאן, לייגען פאסאדזקעס. ב) מעכאנישער: מעליאראציע, בוי-ארבייט.

2) די עלעקטרא-מעכאנישע אבטיילונג נעמט ארום: א) עלעקטראמאנטעריי; ב) שאפער-מעכאניק.

די לעהרע ווערט געפיהרט אויף א פראקטישען סיסטעם אונטער די אנפיהרונג פון א פראפעסאר פון די מלוכה'שע בוי-שול. פאר די צוהערער פון דער פראווינץ איז איינגעארדענט א אינטערנאט. די פרייזען זענען צוגענגליכע. אינפארמאציעס און פראספעקטען אין סעקרעטאריאט פון די קורסען: ווארשא, ביעלאנסקא 9, נאכ'ן צושיקען א פאסט מארקע אויף ענטפער. פראגראם פון די קורסען 20 גר.

פון בע"ם.

היינט, פרייטאג, דעם 8 מערץ 8 א זייגער אווענד קומט פאר די ווייטערע לעקציע פון פאליטישע עקאנאמיע, געהאלטען דורך ל. קאפינסקי.

מארגען, שבת 3 נאכמ. קומט פאר א שיחה, געפיהרט דורך א. לענטשנער.

יעדען דינסטאג האלב 9 אווענד קומען פאר געמיינזאמע אסיפות פון בע"ם מיט דער דרגא ג', בית"ר, געפיהרט דורך משה זעלצער.

דרייסטער רויב-אָנפאַל אין צענטער שטאָדט.

געוואָלט צורויבען 5.000 זלאָטעס ביי אַן'אָנגעשטעלטער פון באַנק ספּולדזיעלטשי, אַלעע 7.

נעכטען איז די שטאָדט אויפגערודערט געוואָרען צוליב א זעהר דרייסטען רויב-אָנפאַל, וואס איז אויסגעפיהרט געוואָרען אין מיטען העלען טאָג אין סאַמע צענטער שטאָדט אין סויער פון הויז 1-טע אלעע 7, וואו עס געפונט זיך די באַנק ספּולדזיעלטשי.

אַרום האַלב 12 א זייגער האט זיך אומגעקעהרט פון דער „באַנק פּאָלסקי" מיט א טעקע, אין וועלכער עס איז געלעגען 5.000 זל. די בעאַמטין פון דער באַנק ספּולדזיעלטשי (אַלעע 7), פרוי אייגל גאָטליב. ווען די פרוי האט גענומען אַרויפגעהן אויף די טרעפּ צום לאָקאַל פון דער באַנק איז פּלוצים עמיצער צו איהר צוגעלאָפען פון הינטען און געוואָלט אַרויסרייסען פון איהר האַנד די טעקע מיט'ן געלד.

ווען פרוי גאָטליב האט זיך אויסגעדרעהט, האט זי בעקומען מיט א טעמפּען כלי א שטאַרקען זעץ אין קאָפּ אַזוי, אַז זי איז אומגעפאַלען אויף די טרעפּ. די טיכטיגע פרוי האט אָבער נישט אַרויסגעלאָזט פון האַנד די טעקע און טראָצדעם, וואס זי איז פון דעם שטאַרקען זעץ געווען האַלב בעוואוסטלאָז, האט זי זיך ענערגיש פערטיידיגט, רופענדיג גלייכצייטיג הילף. איהרע געשרייען האבען דערהערט די שכנים און אויך די בעאַמטע פון דער באַנק. ביז זיי זענען אָבער אָנגעקומען אויפ'ן אָרט פון אָנפאַל, איז אונטער דער צייט דער רויבער רוהיג אַוועק, נישט בעמערקט דורך קיינעם.

דערווייל האט פרוי גאָטליב פון גרויס ערשיטערונג געחלש'ט. זי איז אָבער גלייך געקומען צו זיך. די טעקע האט זי אָבער ווייטער פעסט געהאַלטען און זי פריהער נישט אַרויסגעלאָזט פון האַנד ביז מ'האט זי אַרויפגענומען אין לאָקאַל פון דער באַנק. די מוטיגע האַלטונג פון דער בעפאַלענער האט אַרויסגערופען בעוואונדערונג ביי אַלע אָנוועזענדע. פרוי גאָטליב איז לייכט פערוואונדעט אין קאָפּ.

אין דער טעקע האט זיך געפונען 5 טויזענד זלאָטעס (2.000 זילבערגעלד און 3.000 זל. באַנקנאָטען), אַן'אייגענטום פון דער באַנק ספּולדזיעלטשי. כדאי צו בעמערקען, אַז די באַנק איז אַסעקוּרירט געגען אַזעלכע רויב-אָנפאַלען און גנבות.

פּאָליציי פיהרט אַן'אויספאָרשונג, כדי צו ענטדעקען דעם אָנפאַלער. לויט די ווערטער פון דער בעפאַלענער, האט ער געטראָגען א ברוינעם פּאַלטאָ און א ברוין היטעל. ער האט וואַרשיינליך נאָכגעפאָרשט דער פרוי גאָטליב פון דער „באַנק פּאָלסקי" ביז אויף די טרעפּ פון אַלעע 7, וואו ער האט דעם אָנפאַל אויסגעפיהרט.

שבת, דעם 16. מערץ קומט פאָר אין פייערלעשער-זאַל

דער יעהרליכער

„טאָז"-באַל

מאַסען אַטראַקציעס. איינגאַנג נור געגען איינלאַדונגען.

איינלאַדונגען שיקט אַרויס לויט פערלאַנג די „טאָז"-קאַנצעלאַריע טעל. 17-56.

די קליינהענדלער-מאַסע וויל אַ פעראייניגונג.

ווי בעוואוסט ווערען זייט א געוויסער צייט געפיהרט אונטערהאַנדלונגען וועגען פעראייניגען ביידע היגע קליינהענדלער-אָרגאַניזאַציעס. צו דעם צוועק איז געשאַפען געוואָרען א פּראָוויזאָריום, וואס זאָל אויסאַרבייטען דעם געהעריגען פּלאַן און דערפיהרען צו דער ענדגילטיגער פעראייניגונג. דאס דאָזיגע פּראָוויזאָריום האט שוין אָבגעהאַלטען מעהרערע זיצונגען, אויף וועלכע עס זענען אויסגעאַרבייט געוואָרען די געהעריגע ריכט-ליניען און ס'וואָלט שוין געקענט קומען צום נויטיגען ציעל, ווען נישט געוויסע הינטער-קוליסען-שפּיעלען.

צוליב דעם איז היינטיגע וואָך פאָרגעקומען א פערזאַמלונג פון יודישע קליינהענדלער און מאַרקשטעהער, וועלכע געהערען צו ביידע היגע קליינהענדלער-אָרגאַניזאַציעס, אויף וועלכער ס'איז בעהאַנדעלט געוואָרען דער דאָזיגער אָנגעווערטאָגטער ענין.

אין דער אָנוועזענהייט פון אַן'ערך 200 קליינהענדלער עפענט די פערזאַמלונג ה' גליקסמאַן, לויט וועמעס פאָרשלאָג ס'נעמט איבער דעם פאָרזיץ ה' יוסף ראָזענבערג.

דער ערשטער רעדט ה' זבאָראָווסקי, וועלכער גיט איבער די אורזאַכען, וואס האבען איהם בעוויגען צו נעמען די איניציאַטיוו וועגען פעראייניגען ביידע אָרגאַניזאַציעס. דער רעדנער דערצעהלט דערביי, אַז זיינע אייגענע חברים פון דער קליינהענדלער-אָרגאַניזאַציע (אַלעע נר. 8) האבען איהם געוואָלט בעזייטיגען פון פּראָוויזאָריום נאָר דערפאַר, ווייל ער האט נישט מסכים געווען צו פיהרען זייער פּאָליטיק, זייענדיג אויסען בלויז די טובה פון קליינהענדלערטום.

אויך ה' שטרויס רעדט וועגען דער נויטווענדיגקייט פון א פעראייניגונג און דערביי האט ער פּרעטענזיעס צום ה' דאַנקאָוויטש אין צוזאַמענהאַנג מיט זיין שטעלונג בנוגע א רעוויזיע פון די אָנגענומענע בעשלוסען דורכ'ן פּראָוויזאָריום, וועלכע עס פאָדערן די פאָרשטעהער פון אַלעע 8.

ה' דאַנקאָוויטש (מיטגליד פון בערקאָ יאָסעלעוויטשא 8) גיט-איבער דעם פערלויף פון די שלום-אונטערהאַנדלונגען און מאַכט אויפמערקזאַם, אַז דאס פּראָוויזאָריום דאַרף זיך נישט רעכענען מיט קיין שום פּערזענליכע אינטערעסען. ה' דאַנקאָוויטש ערקלערט, אַז אויב ס'האט עפּיס עמיצער געגען איהם איז ער גרייט זיך אָבצוזאָגען פון פּראָוויזאָריום לטובת אַן'אַנדערן, אַבי-נאָר ס'זאָל צוגעפיהרט ווערען צו א שלום, וועלכער איז אַזוי נויטיג דעם יודישען קליינהענדלער.

ה' אַדאָלף עפּשטיין איז פאַר אַן'אומבעדינגטער פעראייניגונג פון ביידע אָרגאַניזאַציעס און האַלט, אַז בעסער זאָל עקזיסטירען איין פעראיין, ווען אפילו מיט דער ערגסטער פערוואַלטונג, איידער צוויי פעראיינען מיט די בעסטע פערוואַלטונגען. דער רעדנער זאָגט, אַז הויפּטזעכליך געהט דערין, אַז די פערוואַלטונגס-מיטגלידער זאָלען זיין מענשען אומבעפלעקטע, ערליכע, וועלכע זאָלען נאָר זיין אויסען די טובה פון קליינהענדלערטום. מען מוז אָנהויבען — שרייט אויס ה' עפּשטיין — צו בויען פון פונדאַמענט אויס, ווייל דאס וואס ס'האט זיך ביז-יעצט אָבגעטהון ביי די קליינהענדלער-אָרגאַניזאַציעס טאָר זיך מעהר נישט ווידערהאָלען. דער רעדנער ערקלערט צום סוף, אַז ער איז גרייט איינצוגעהן אויף אַלע קאָמפּראָמיסען, כדי ס'זאָל קומען צו דער אַזוי-נויטיגער פעראייניגונג.

אין זעלבען זין רעדען אויך נאָך אַנדערע קליינהענדלער און צום סוף ווערען איינשטימיג אָנגענומען פאָלגענדע בעשלוסען.

1) אויפצופאָדערן דאס פּראָוויזאָריום ווייטער צו פיהרען די אַרבייט בנוגע דערפיהרען צו אַן'ענדגילטיגער פעראייניגונג פון ביידע צושפּליטערטע קליינהענדלער-אָרגאַניזאַציעס.

2) אין פאַל, ווען א וועלכער ס'איז פּראָוויזאָריום-מיטגליד וועט זיך אָבזאָגען פון זיין מאַנדאַט, זאָל אויף זיין אָרט צוקאָאָפּטירט ווערען אַן'אַנדערער.

3) אַז אויף די זיצונגען פון פּראָוויזאָריום זאָל ווייטער אַנטייל נעמען דער

ווילנער ליטשניקעס,

וועלכע מען דאַרף צו שטעמפּלען (פון 28 און 29 יאהר) נעם איך אָן צו שטעמפּלען און ערלעדיג שנעל, ביליג און רעיעל. אויך האָב איך געלעגענהייטליך צו פערקויפען א פּרימאַ-גוטען ליטשניק פאַר א צוגענגליכען פּרייז.

אברהם פּאַקולאַ

ווילון, פּלאַץ לעגיאָנוב № 10

פּ-אָוויזאָריום-מיטגליד ה' זבאָראָווסקי.

די מאַסען פערזאַמלונג פון קליינהענדלער און מאַרקשטעהער דריקט אויך אויס א הייסען דאַנק די אַלע, וועלכע בעמיהען זיך אריינצוברענגען א שלום צווישען קליינהענדלערטום און א בעזונדערן דאַנק און אַנערקענונג דעם רב ר' נחום אַש שליט"א פאַר זיינע פיעלמאַליגע בעמיהונגען און לייסטונגען לטובת א פעראייניגונג פון ביידע היגע קליינהענדלער-אָרגאַניזאַציעס.

דער 2000-סטער לעזער פון דער מעדעם-ביבליאָטעק.

דעם 4 ד. ח. האט זיך פערשריבען אַלס לעזער אין דער מעדעם-ביבליאָטעק דער צוויי-טויזענטסטער מיטגליד.

די פערוואַלטונג האט בעשלאָסען צו פּרעמירען דעם לעזער זיגמונט ראַשיקאָן, א שילער (וואַרשאַווער 88) מיט'ן רעכט צו לעזען 3 חדשים אומזיסט און צו פערעפענטליכען זיין נאָמען אין דער יודישער און פּוילישער פּרעסע.

אויב א ביבליאָטעק האט אין פערלויף פון אַזא קורצער צייט (אין אַפּריל ווערט צוויי יאהר זייט די „קולטור-ליגע" עקזיסטירט) דערגרייכט אַזא צאָהל לעזער, קען מען דאס צושרייבען דער אָפּפערוויליגער אַרבייט פון דער פערוואַלטונג, אויך דעם אומשטאַנד, וואס די ביבליאָטעק געפינט זיך אין א פּרעכטיג-איינגעאָרדנעטען לאָקאַל, בעזיצט די בעקוועמסטע און בעסטע קאַטאַלאָגען און די הויפּט-זאַך — פערמאָגט די גרעסטע צאָהל ביכער פון די נייעסטע אויסגאַבען אין אַלע שפּראַכען.

דורכשניטליך טוישען ביכער טעגליך 4 הונדערט לעזער און 4 מענשען אַרבייטען 6 שעה טעגליך. וויפיעל ביכער מען מוז האבען, כדי צו בעפרידיגען אַזא צאָהל לעזער, קען זיך שוין יעדער אַליין פאָרשטעלען און פונדעסטוועגען זאָרגט די פערוואַלטונג נאָכצוקומען דעם דורשט נאָכ'ן נייעסטען בוך. דערפאַר נעמט זיך טאַקע דער גרויסער ערפאָלג פון דער מעדעם-ביבליאָטעק.

די יודישע אָבטיילונג איז לעצטענס בעררייכערט געוואָרען מיט א גרויסער צאָהל ביכער פון די נייעסטע אויסגאַבען, אויך ביכער פון דער סאָוויעטישער יודישער ליטעראַטור. די פערוואַלטונג נעמט אונטער שריט צו געווינען דעם יודישען אַרבייטער און יוגענדליכען לעזער פאַר'ן מאָדערנעם יודישען בוך.

פון ספּאָרט

„מכבי" — ט. פּ. ס. י. 4-10

זונטאג אַוונד זענען אין זאַל פון „מכבי" פאָרגעקומען באָקס-קאַמפּען צווישען טאָמאַשאָווער ספּאָרט-קלוב ט.פּ.ס.י. און היגען „מכבי". טראָץ דעם, וואס דער רעזולטאַט איז 10:4 פאַר „מכבי" האבען זיך די היגע באָקסער דאָסמאָל שוואַך רעפּרעזענטירט. ביידע מאַנשאַפטען האבען אַרויסגעוויזען א שוואַכע פאָרם און די קאַמפּען זענען אויסגעפאַלען נישט אינטערעסאַנט. די „מכבי"-מאַנשאַפט איז אָבגעשוואַכט צוליב בינדער'ס אָבוועזענהייט און אפילו די גוטע באָקסער זילבערבערג און כליוונער זענען געווען פשוט נישט צו דערקענען. זילבערבערג האט געקעמפט, ווי ער וואָלט דאס ערשטע מאָל אַרויסגעטרעטען אין רינג, צונעמענדיג זיין געגנער'ס קלעפּ אָהן שום ווידערשטאַנד און פּרוב זיך צו פערשטעלען, ביז ער ווערט אין דער דריטער רונדע אויסגעצעהלט. אַלס צולאַג איז נאָך אַרויסגעשטעלט געוואָרען אויף בינדער'ס אָרט א באָקסער, וועלכער האט מיט זיך פאָרגעשטעלט פשוט א קאַריקאַטור. מען האט איהם פאַר'ן אַרויסלאָזען אין רינג געדאַרפט אויסלערנען כאָטש די גרונד-יסודות פון באָקס.

די רעזולטאַטען פון די קאַמפּען זענען פאָלגענדע:

ווינדמאַן—סקאָווראָן. דער קאַמף ענדיגט זיך אונענטשידען. ווינדמאַן בעקומט אָבער צוויי פּונקטען צוליב דער איבערוואָג פון זיין געגנער.

דער קאַמף צווישען כוואַט—פּיעטראַשיק ענדיגט זיך אונענטשידען.

זילבערבערג בעקומט צוויי פּונקטען צוליב דער איבערוואג פון זיין געגנער.

אין פריינדשאַפטס-מעטש ווייזט זילבערבערג אַרויס א שוואַכע פאָרם און ווערט נאָקאָוטירט דורך ביצעל'ן אין דער דריטער רונדע.

פּראָפּינאַטאָר איז נאָך א גאַנץ רויהער באָקסער און פערשפּילט צו אַדאַמסקי'ן דורך א טעכנישען נאָק-אַוט אין דער ערשטער רונדע.

כליוונער קעמפט אויף רעמי מיט אַרנד'ן.

קאַנטאָר קעמפט מיט מושקי. באַלד אין דער ערשטער מינוט בעקומט קאַנטאָר א נישט-דערלאָזבאַרען קלאַפּ אין קאַרק און זיין געגנער ווערט דיסקוואַליפיצירט.

שיין בעזיעגט גאָזשדזיק'ן דורך א טעכנישען נאָק-אַוט אין דער ערשטער רונדע.

רינג-ריכטער — ה' ברילל.

פּאָפּולערע פאָרשטעלונג אין קאָמעראַל-טעאַטער.

שבת, 9 מערץ קומט-פאַר אין קאָמעראַל-טעאַטער א פּאָפּולערע פאָרשטעלונג פון דער קאָמעדיע „אונטער א צוואַנגס-פערוואַלטונג".

בילעטען צו בעקומען אין דער „קולטור-ליגע" (אַלעע 12) פון 1—11 און 4—8 אָוונד.

„SUKNOPOL"
Częstochowa, II-ga Aleja № 35, front
עמפּפעהלט אויפ'ן קומ. סעזאָן די בעסטע
סחורות
אויף דאַמען = מאַנטלען, הערן=אַנציגער, פּאַלטענס
צו די ביליגסטע פרייזען פון די בעסטע ביליצער און טאָמאַשאָווער פאַבריקען.
איבערצייגט אייך!

ראַטעוועט דאס געזונד!
א קראַנקער מאָגען איז אָפט די סיבה פון פערשידענע קראַנקהייטען
Zioła z Gór Harcu D-ra Lauera
זענען א גוט מיטעל צום רעגולירען דעם מאָגען. זיי בעזייטיגען אָבסטרוקציעס און זענען א מילד נאַטירליך אָבפיהר-מיטעל. בעזייטיגען די פוילונגס - סובסטאַנצען. וועלכע פערגיפטען דעם אָרגאַניזם.
Zioła z Gór Harcu D-ra Lauera
ווערען געברויכט ביי קראַנקהייטען פון דער לעבער, נירען, גאַלשטיינער און מערידען, ווערען גערן גענומען דורך די קראַנקע.

A. PILGER, CZĘSTOCHOWA
ul. Piłsudskiego № 3. Telefon 23-22.
סקלאַד פון פּאַפּיר, שרייב=מאַטעריאַלען פאַר ביוראָ און צייכנונגען
נעמט אָן אַלערהאַנד דרוק = און איינבינדער = אַרבייט צו זעהר ביליגע פרייזען.
שנעלע און סאָלידע בעדינונג.

KINO „EDEN".
נייער גרויסער פּוילישער פילם!
MIŁOŚĆ maturzystki
(PRZEBUDZENIE)
דראַמע פון מענשען אָהן א מאָרגען.
רעאַליזירט דורך דעם רעזשיסער
אל. פאָרד
חוץ דעם:
פאָקס און פּאַט-אַקטואַליטעטען.

Kino „LUNA"
גרויסע פּרעמיערע
פון נייעסטען פּוילישען פילם
ANTEK Policmajster
אויסער'ן פּראָגראַם:
פּאַראַמאָונט און פּאַט-אַקטואַליטעטען

„ATLANTIC"
אָגראָדאָווע 14.
די העלדען פון „קינג-קאָנג"
פיי=ווריי און אַרמסטראָנג
אין פילם
HRABIA ZAROW
איבער'ן פּראָגראַם פּאַט און פאָקס-וואָך.
חוץ דעם א קאָמעדיע.

פאַרבעריי און כעמישע וועשעריי
„BENETA"
ב. יאָסעלעוויטשא 11
(געגענאיבער דעם געוועלב פון דער קאַפּעלושאַרניע)
אונטער דער לייטונג פון אַן'אַבסאָלווענט פון דער כעמישער אינדוסטריע - שולע אין וואַרשא מיט לאַנגיעהריגער פּראַקטיק
ספּעציאַליטעט:
1) פאַרבען לויט מוסטערן,
2) דעטאַשירען (אַרויסנעמען פלעקען אָהן וואַשען אויפ'ן אָרט),
3) כעמיש ריינינגען און פּאַסאַנירען קאַפּעלושען,
4) וואַשען שטייפע מענער-וועש מיט א דויערהאַפטען שפּיגעל גלאַנץ.
די פרייזען בעדייטענד ערנידריגט.